# Digitaliseret af | Digitised by

DET KGL. BIBLIOTEK
Royal Danish Library

Forfatter(e) | Author(s):
Titel | Title: Folkets-Hjælp =; פאלקס-הילף : מיטטיילונגען
Alternativ titel | Alternative title: Folks-hilf
Bindbetegnelse | Volume Statement: 1916; Nr. 1-5
Udgivet år og sted | Publication time and place: København, 1916

## DK

Værket kan være ophavsretligt beskyttet, og så må du kun bruge PDF-filen til personlig brug. Hvis ophavsmanden er død for mere end 70 år siden, er værket fri af ophavsret (public domain), og så kan du bruge værket frit. Hvis der er flere ophavsmænd, gælder den længstlevendes dødsår. Husk altid at kreditere ophavsmanden.

## UK

The work may be copyrighted in which case the PDF file may only be used for personal use. If the author died more than 70 years ago, the work becomes public domain and can then be freely used. If there are several authors, the year of death of the longest living person applies. Always remember to credit the author

Folkets Hjælp. 1916.

2 _ 44
DET KONGELIGE BIBLIOTEK
DA 1.-2.S 2 2°
1 1 02 0 2 00038 3
+Rex
BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

| | |
|---|---|
| מוסקאט | 15 |
| מינא שאטינסקי | 5 |
| פ. דיאמאנט | 10 |
| מ׳ קעפיצקי | 10 |
| דירעקטאר ה. ג׳ טוריץ | 500 |
| ט׳ קושעל | 200 |
| אסקאר הייטקין | 200 |
| ישראל ראזענטהאל | 100 |
| מ׳ ה׳ מארקוס | 100 |
| דירעקטאר איזידאר אראנסאן | 100 |
| יאנסאן און קראפט | 50 |
| א׳ ריזיענמאן | 100 |
| י׳ שענזינאווסקי | 50 |
| ד׳ שענזאווסקי | 100 |
| א׳ יאקאבסאן | 100 |

## קריסטיאניא

| | |
|---|---|
| ה׳ רובינשטיין | 1000 |
| מ׳ גלאט | 1000 |
| ר׳ קאריצינסקי | 500 |
| י. גיטעלסאן | 200 |
| מילנער | 100 |
| א׳ קאראן | 25 |
| פרוי קאראן | 10 |
| גרוזד | 20 |
| י׳ דאמעלין | 5 |
| איזאקסאן | 5 |
| שרה קעלער | 2 |
| ראשקאוויטש | 5 |
| מ׳ ארש | 30 |
| ל. אסטער | 5 |
| פ. וואלף | 3 |
| ב. יאפע | 20 |

| | |
|---|---|
| י׳ מאריאסאן | 10 |
| נ׳ ווינער | 10 |
| ס׳ טאמזשינסקי | 5 |
| פענקאוויטש | 5 |
| יעקב פיילמאן | 5 |
| ב. דאווידסאן | 20 |
| ס׳ פינצאוו | 5 |
| ד. גאלדבערג | 5 |
| פ׳ סארקא | 5 |
| מ. דיקמאן | 10 |
| פרל. מאלעט | 5 |
| י׳ עלאוויטש | 5 |
| פ׳ וואלטשמאן | 10 |
| א. קראסט | 5 |
| ס׳ פלישאנסקי | 10 |
| יוליאוס פיין׳ סטאוואנגער | 10 |
| ס. בלומבערג און י. לעווין | 25 |
| יצחק פיין | 50 |
| ה׳ בעקער | 50 |
| ע׳ פיין | 25 |
| נ׳ פיין | 10 |
| מ. שערמאן | 20 |
| ב׳ שווארצמאן | 5 |
| א׳ רעזניק | 10 |
| א׳ ליימאן | 5 |
| ס׳ סענעראוויטש | 10 |
| קעטי ווראט | 5 |
| מ. ווראט | 10 |
| ד. בעקער | 10 |
| י. פריקעלנער | 100 |
| א. בעקער | 5 |
| ס. פיין | 5 |
| מ׳ מאנקאוויטש | 5 |

| | |
|---|---|
| ע׳ לעווין | 5 |
| י. אולמאן | 5 |
| י. ראזענבערג | 5 |
| האלווערשטאט | 2 |
| פרוי דאווידסען | 5 |
| לעמקאוו | 25 |
| גראס | 50 |
| מארקוס | 50 |
| סיוו | 30 |
| ד׳ שאכט | 15 |
| א׳ רייף | 5 |
| מאריע לעווין | 5 |
| ס׳ באד | 5 |
| סאלאמאן גוס | 10 |
| אסטער | 5 |
| פרל׳ שראק | 5 |
| דארא לעווין | 5 |
| גאשיאס | 20 |
| ב׳ י׳ וויינבערג | 50 |
| יוליאוס וויינבערג | 5 |
| ראזא רובינשטיין | 5 |
| וו. וועשטשאנסקי | 25 |
| ס׳ קאצערגינסקי | 25 |
| מ. ניסעטשיק | 20 |
| א׳ סאמערסאן. | 10 |
| צוזאמען | קר׳ 3797 |

## יענטשעפינג

| | |
|---|---|
| האנס אנדערסאן (הוסקווארנא) | 8 |
| מאטוס | 50 |

Акціонерное О-во „HEROS“
KØBENHAVN - ST. KONGENSG. 70 - TEL.: PALÆ 36
ИМПОРТ ИТАЛЬЯНСКІЯ ЭКСПОРТ
ЭФИРНЫЯ МАСЛА

A/S GRØN & WITZKE
ASSURANCEKONTORER
KONGENS NYTORV 6 KØBENHAVN TELEFON 93 16

געזאנג־פעראיין „הזמיר“
(דיריגענט מ׳ בערעזאווסקי)

פעראנשטאלטעט זונטאג ד׳ 10 דעצעמבער האלב 9 א זייגער אין אווענד פרעציז, אין
סטודענטערפעראיינ׳ס גרויסען זאל׳ וועסטערבולוואר 6

א גרויסען קאנצערט



מיטווירקענדע:
קעניגליכער קאמערמוזיקער ה׳ פיני העגריקוס׳
באריטאן־זינגער פראדע פראנדסאן׳
פיאניסטין פרוי מ׳ הארנעמאן.
אויך וועט צום ערשטען מאל אויפטרעטען
א קינדער־כאר׳
בילעטען צו 3, 2׳ 1.50, 1.25, 1 קר׳ און 75
אוירעס איז צו בעקומען ביי ה׳ בירנבוים ראנ־
צאאוסגאדע 10 טעלעפאן נארא 2992 ווע און
ביי אלע מיטגליעדער פון הזמיר.

בעמערק: קינדער אונטער 7 יאהר ווערען ניט אריינגעלאזען. דער קאנצערט הויבט זיך אן פרעצי־
ז

Rasmussen & Rugh, Læderstr. 11.



| | |
|---|---|
| ה׳ סלאבאדקין | 50 |
| זאמי פרידמאן | 25 |
| צדיק | 10 |
| שעלינסקי | 15 |
| איציקאוויטש | 10 |
| וואיעוואדסקי | 10 |
| שרה פיליפסאן | 10 |
| ה. י. | 5 |
| ל׳ וואיעוואדסקי | 5 |
| ראטשקאווסקי | 5 |
| צוזאמען | קר׳ 198 |

## קארלסקראנא

| | |
|---|---|
| וו. ראטשטיין | 80 |
| ס. ראטשטיין | 20.50 |
| ל׳ טיקאטשינסקי | 20 |
| א ברוין | 20 |
| ב׳ קאצמאן | 8 |
| ל׳ לעווי | 5 |
| פלוים | 5 |
| ל׳ גרינבלאד | 5 |
| א׳ סקעלבערג | 5 |
| ל׳ ראבינאוויטש | 5 |
| א׳ ראזען | 5 |
| צ׳ קאצמאן | 2 |
| וו. פאלאק | 2 |
| ח׳ קארנעטשינסקי | 2 |
| צוזאמען | קר׳ 184.50 |

Nicolai Kanter · København
Grundlagt 1906

En gros · Export · Import · Spedition

Lager samt Kontor:
Ny Frihavn
Egen Lagerbygning
Telefon Nr. 11 051

ADAMS EXPRES Co.
Internationalt Speditions- og Transport-Selskab
København New York Paris Petrograd
Nygade 7 W. O. Lin. 2. № 15

יוועלען, בריליאנטען
לויזע און געפאסטע אנגרא און דעטאל
זעהער ביליג
ל׳ סוסלאוויץ׳ סילקעגאדע 9 קאפענהאגען׳ טעלעפאן ביען 2494 אי

עסטערבראס טעאטער׳ ריעסגאדע 106.
קאפענהאגענער הילפסקאמיטעט פאר די
נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה
שבת דעם 16 דעצעמבער וועט די דראמאטישע גרופע אויספיהרען
די בעריהמטע דראמא פון י. גארדין
«מירעלע אפרת»
מיט׳ן אנטייל פון די בעסטע שוישפילער אין קאפענהאגען
די הכנסה געהט אויסשליסליך פאר׳ן הילפסקאמיטעט
באל ביז 3 א זייגער

Nr. 4 עקסטרא נומער FOLKETS-HJÆLP

# פאלקס־הילף

## מיטטיילונגען

ארויסגעגעבען פון סקאנדינאווישען צענטראל־קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה.

קאפענהאגען פרייטאג ט״ז תשרי׳ התרע״ז 13 okotber 1916

אדרעס פון צענטראל־קאמיטעט:
SKANDINAVISK CENTRAL KOMITE FOR DE VED KRIGEN ULYKKELIG STILLEDE JØDER,
Gl. Kongevej 27, Teleph. Centr. 12688.

## א אויפרוף צו די צאהלער.

דער קאפענהאגענער קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה ווענדעט זיך צו יעטווידער צאהלער מיט א דרינגענדער בקשה צו קומען אויף דער גענעראלפערזאמלונג פונ׳ם הילפסקאמיטעט, וועלכער וועט פארקומען מאנטאג דעם 16 אקטאבער 1916.

דער קאמיטעט געפינט פאר זיין חוב אנצואווייזען, אז זיין טעטיגקייט פארברייטערט און פארטיעפט זיך מיט יעדען טאג. אנשטאט צופעליגע און פרייוויליגע זאמלונגען האט די הילפס־ארבייט אנגענומען א שטרענג ארגאניזירטען האראקטער. די סומען, וועלכע קומען אן אין קאמיטעט ווערען פון טאג צו טאג פארגרעסערט. גלייכצייטיג ווערט פארגרעסערט די פעראנטווארטליכקייט פון קאמיטעט. דעריבער איז דער חוב פון יעטווידער צאהלער צו קומען אויף דער פערזאמלונג, אויסהערען דעם בעריכט פון קאמיטעט און איינטיילנעמען אין די וואהלען פון קאמיטעט, וועלכען וועט איבערגעגעבען ווערען א שווערע פעראנטווארטליכקייט צו ארגאניזיהען די הילפס־ארבייט אין דעם קומענדיגען ווינטער.

## אונזער גענעראלפערזאמלונג.

די גענעראלפערזאמלונג וועלכע קומט די טעג פאר אין קאפענהאגען, וואו די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט האבען די מעגליכקייט צו בעהאנדלען אלע פראגען פון דער הילפס־ארבייט — האט פאר אונזער טעטיגקייט א גרויסע בעדייטונג. זי בעשטעהט הויפטזעכליך פון צוויי מאמענטען וועלכע אינטערעסירען די יודישע עפענטליכקייט אין סקאנדינאוויען: וואס איז געטאן געווארען ביז איצט און וואס זאל געטאן ווערען אין דער צוקונפט.

איבער דעם וואס עס איז געטאן געווארען אין דער פערגאנגענהייט ווילען אונז די פעראנטווארטליכע קאמיטעטען און קאמיסיעס אבגעבען א דין וחשבון. אבער דעריבער, וואס מיר זאלען טאן להבא, ווי אזוי מיר זאלען קלייבען זיך צו ארגאניזירען אונזערע כחות אויף דער ווייטערדיגער הילף — דעריף מוז פערלאנגט ווערען א דין וחשבון פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין קאפענהאגען.

מיר האבען שוין אנגעוויזען אז אונזער הילפסארבייט טראגט ניט און קען ניט טראגען קיין צייטווייליגען האראקטער. מיר מוזען זיך צוגרייטען פאר אונזער פאלקס־הילף אויף יאהרען־לאנג. מיר, דא אין רוהיגען און נייטראלען סקאנדינאוויען, קענען גאר קיין השגה ניט האבען פון דעם גרויסען חורבן וועלכער שפילט זיך נאך איצט אב אין דער יודישער גאס. איצט נאך — נאך אלע קאלאסאלע ארגאניזאציאנען און ארבייטען זענען בלויז אין רוסלאנד פארהאן העכער א פערטעל מיליאן יודען, קראנקע, הונגעריגע און היימלאזע, וועלכע מוזען פארזארגט ווערען מיט זייערע טעגליכע לעבענס־בעדערפנישען. בלויז נאך די אפיציעלע סטאטיסטישע מיטטיילונגען, וועלכע זיינען נאך ניט פולשטענדיג, זיינען אין די פון דייטשען אקופירטע געביעטען פארהאן לערך א מיליאן יודען וועלכע מוזען אנקומען צו עפענטליכע אדער פריוואטער שטיצע. אין גאליציען זיינען פערבליבען אינגאנצען 50 פראצענט פון דער פריהערדיגער בעפעלקערונג. פון די אנ׳ערך א האלב מיליאן גאליצישע יודען זענען העכער 70 פראצענט אנגעוויזען אויף הילף און אונטערשטיצונג. דער טרויעריגער בילד שטעהט נאך פאר אונזערע אויגען: מיליאנען יודען, גרויסע טיילען פון אונזער פאלק שטעהען ביים אבגרונד, הונגער, קעלט און קראנקהייט זיינען זייערע שטענדיגע בעגלייטער. עס איז א ארבייט פון כמה יאהרען ביז אזא שרעקליכער צושטאנד קען פארבעסערט ווערען. עס איז דערפאר דאס גרעסטע פארברעכען ווען אונזערע יודען זאלען איצט ארויסווייזען וועלכע ניט איז גלייכגילטיגקייט אדער מידיגקייט. עס איז א פערברעכען זיך צו פערהאלטען רוהיג און אפילו ניט טאן זיין פרימיטיווען חוב צו געבען שטיצע פאר די אונגליקליכע. עס וואלט אבער אויך זיין דאס גרעסטע פארברעכען און דאס גרעסטע אומגליק — ווען איצט זאלען שוואך און אבגעלאזט ווערען אונזערע ארגאניזאציאנס־ארבייטען.

איין זאך מוז די יודישע בעפעלקערונג אין סקאנדינאוויען וויסען: עס ווערט וועהניג געטאן און וועהניג געגעבען. אונזערע ברידער, וועלכע לעבען דא אין רוהיגקייט, אין זארגלאזיגקייט, ערפילען ניט גענוגענד זייער חוב. עס האבען געדארפט געבראכט ווערען גרעסערע מאטעריעלע קרבנות. מיר מוזען געדענקען אז עס וועט קומען א צייט וואו די גרויסע יודישע עפענטליכקייט מחוץ פון סקאנדינאוויען וועט אונז פרעגען: צי האט איהר ערפילט אייער חוב, איהר די רוהיגע און גליקליכע, אין דער צייט ווען מיר, די רוהלאזע און אונגליקליכע האבען געווארט אויף אייער הילף?

דאס איז די אויפגאבע פון אונזער קומענדיגער גענעראלפערזאמלונג. זאל די יודישע בעפעלקערונג פון קאפענהאגען וויסען, אז די דאזיגע גענעראלפערזאמלונג וועט זיין א געריכט איבער די היגע יודען. מיר ווילען פארלאנגען און אבגעבען א דין וחשבון. אבער אונזער גרעסטע און שטארקסטע אויפגאבע וועט בעשטעהען דערין: צו בעווייזען דער יודישער וועלט ווער עס ארבייט מיט אונז, ווער עס גיט א ביסען ברויט דעם הונגעריגען און פארטריבענעם יודען — און ווער עס שטעט איצט פון דער ווייטענס, זאט און צופריעדען, רוהיג און גלייכגילטיג און זאגט אב זיין פאלק אין הילף און ברויט.

אט דאס וועט זיין דער שטארקסטער און גרעסטער דין־וחשבון פון אונזער גענעראלפערזאמלונג.

---

## סוכות.

דאס דריטע מאל פייערען מיר דעם „זמן שמחתונו” אין צייכען פון דער מורא׳דיגער וועלט־מלחמה. דאס טראדיציאנעלע און נאציאנאלע יודענטום בעטראכט אבער די היינטיגען געשעהענישען פאר פארבייגעהענדע עפיזאדען אין דער פיערטויזענדיעהריגער יודישער געשיכטע, און ווי טרויעריג די איצטיגע לאגע פון יודישען פאלק זאל ניט זיין ווילען דאך די סוכות־טעג געפייערט ווערען אומעטום מיט דער טראדיציאנעלער שמחה און עס ווילען ווידער אויפגעלעבט ווערען די זכרונות, וועלכע זענען פערבונדען מיט דעם דאזיגען פרעהליכען יום טוב.

סוכות איז אמאל ביי אונז געוועזען א ערנטע פעסט. די צייט, ווען די פרוכטען פון די גערטנער און די תבואה פון די פעלדער זענען אריינגעבראכט געווארען אין די שפייכלערס. אבער יודען האבען ניט געטארט עסען דאס ברויט, איידער מען האט ניט אבגעגעבען מעשר, ניט קיין געוועהנליכע צדקה, נאר א בעשטימטען שטייער פאר די נויטליידענדע, כדי אז אלע, אויך „היתום והאלמנה”, די וואס האבען ניט קיין אייגענע פעלדער זאלען קענען איינטיילנעהמען אין דער אלגעמיינער שמחה. אזוי לאנג ווי עס איז נאך געווען א הונגערליידענדער האט מען ניט געהאט קיין רעכט צו פייערן דעם ערנטע פעסט סוכות.

פאר אונז, א קליינע מינדערהייט פון יודישען פאלק, וועלכע געפינען זיך אין די בייט־

פון דער דייטשער שפראך, נאר אויף איינצוארדנען די דאזיגע קורסען דארף מען געלד. מיר ווענדען זיך דערום צו אייך, חברים, יודישע קעלנערס אין אמעריקא מיט דער ביטע איהר זאלט אונז העלפען.

דער פעראיין פון די
ווארשאווער יודישע קעלנערס.

געלד קען מען שיקען אויפ'ן אדרעס פון ציוניסטישען ביורא אין ווארשא.

P. S. די אמעריקאנער יודישע צייטונגען ווערען געבעטען דעם דאזיגען אויפרוף אונזערען איבערצודרוקען.

## דאס לעבען פון יודישע היימלאזע אין האלאנד.

פון האלאנד איז מען מודיע דער קעלנער „איזרי צייטונג": זעהר אידעל האט זיך האלאנד פערהאלטען צו די בעלגישע היימלאזע, וואס זענען אין אויגוסט 1914 געקומען מאסענווייז אין לאנד אריין. פון אלע גוט־ארגאניזירטע מיטלען האט מען געקענט ארויסזעהן, אז מען מיינט אויפריכטיג צו העלפען זיי. טויזענדער פון די דאזיגע מלחמה־קרבנות האט מען מכניס אורח געווען ביי האלענדישע פאמיליעס און אהן שום בעגרענצונג האט מען זיי צוגעלאזט צו אלע מלאכות און בכלל האט מען געגעבען די היימלאזע די מעגליכקייט זיך מפרנס צו זיין. דורך בעזונדערע מיטלען האט די רעגיערונג געזיכערט די בעלגישע סטודענטען, אז זיי זאלען זיך ווייטער קענען בילדען. א רייהע קאמיטעטען, וואס זענען געגרינדעט געווארען דורך דער איניציאטיווע פון פריוואטע מנדבים, האבען זיך בעמיהט צו דערפילען אלע אנדערע בעדערפעניסען פון די היימלאזע.

די יודישע היימלאזע, וואס האבען זיך פערזאמעלט אין שעווענינגען שטאמען אויף אנ'אומוועג איבער אנטווערפען, דאס רוב פון גאליציען, קראקוי האט געגעבען אין משך פון די לעצטע יאהרען ס'רוב עמיגראנטען פאר אנטווערפען. די וועלט־מלחמה האט אויף דערווייל געמאכט א סוף צו דער שטארקע און האפנונגספולע ענטוויקלונג פון דער יודישע קהלה אין אנטווערפען. מיט 30 יאהר צוריק האט א קראקויער יוד זיך בעזעצט אין אנטווערפען און זיך פערנומען מיט דיאמאנטען־שלייפעריי. אין יאהר 1914 זענען 30.000 יודען געווען פערנומען מיט דער דיאמאנטען־מלאכה, הערביי זענען פיעל געקומען צו עשירות און רחבות. אויך די מלחמה האט די יודישע דיאמאנטען־הענדלער ניט שווער געטראפען. ווער עס גלויבט נישט אין דער ארגאניזאטארישער פעהיגקייט פון די יודען, וועט מעגען נבהל ונשתומם ווערען, ווי די היימלאזע האבען אויף דער גיך געמאכט אין שעווענינגען א צענטר פון האנדעל מיט דיאמאנטען, איצט עקזיסטירען שוין צוויי דיאמאנטען־קלובען אין שעווענינגען, וואו די היימלאזע פיהרען ווייטער זייער שטענדיגע טעטיגקייט.

## א דאנק צום סקאנדינאווישען צענטראלקאמיטעט.

דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט אין בערלין טיילט מיט דעם קאפענהאגענער ציוניסטישען ביורא, אז זיי האבען ערהאלטען א בריעף פון אדוואקאט ש מ ע ו ן ר א ז ע נ ב ו י ם פון ווילנא, דאטירט דעם 3־טען סעפטעמבער, אין וועלכען ער בעט אין נאמען פון דער ווילנער יודישער געמיינדע איבערצוגעבען א הערצליכסטען דאנק צום סקאנדינאווישען צענטראל־קאמיטעט פאר די קאנדענזירטע מילך, וועלכע עס איז אנגעקומען אין ווילנא. ה' ראזענבוים שרייבט: עס איז געוועזען א אמת'ע ברכה פאר די קינדער, מיט דער גרעסטער אונגעדולד ווארטען מיר אויף די צווייטע זענדונג. עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז מיר האבען די מילך פערוועדעט אזוי ווי מען האט אונז פארגעשריבען, די מילך איז געווארען פערטיילט אין קינדערהיימען, קינדערקיכען און שולען און א טייל פאר קראנקענהייזער. 150 קאסטענס האבען מיר אבגעשיקט קיין ג ר א ד נ א, ק א ו ו נ א און ב י א ל י ס ט א ק. מיר וועלען אייך אין גיכען צושיקען א גענויע ספעציפיקאציאן וויפיעל יעדער פון די דאזיגע פונקטען האבען בעקומען.

מיר איבערנעהמען זעהר גערן צו פערשיקען לעבענסמיטעל אין די ערטער, וואו די נויט איז אם גרעסטען. איך האב נאך דערווייל וועגען דעם ניט אונטערהאנדעלט מיט דער פערוואלטונג אבער עס איז נישטא קיין שום ספק, אז די פערוואלטונג וועט ניט מאכען קיינע הינדערנישען און מען וועט די ערלויבניש בעקומען.

דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט בעמערקט דערצו, אז עס פרייט זיי זעהר צו איבערגעבען דעם דאזיגען בעריכט פון ה' ראזענבוים צום סקאנדינאווישען צענטראלקאמיטעט און אז זיי זענען תמיד בערייט בעהילפיג צו זיין אין דער וויכטיגער הילפס־ארבייט.

---

די לאדזער יודישע געמיינדע טיילט מיט, אז עס זענען אנגעקומען פון סקאנדינאווישען צענטראלקאמיטעט 300 קאסטענס קאנדענזירטע מילך און דריקט אויס א הערצליכען דאנק פאר די דאזיגע זענדונג.

די 300 קאסטענס זענען פערטיילט געווארען אויף דעם פאלגענדען אופן:

אין די יודישע געמיינדע אין ק א ל י ש — 30 קאסטענס, פ ע ט ר י ק א ו — 30. ז ג י ע ר ז ש — 10, ל ו ט א מ י ע ר ס ק — 5, פ א ב י א נ י צ ע — 5, ב ז ע ז י ן — 5, א י ו ו א ר ל א ד ז — 5, לאסק — 5, ק א נ ס ט א נ ט י נ א ו ו — 5 קאסטענס. אין גאנצען אין דער פראווינץ 100 קאסטענס.

די איבעריגע 200 קאסטענס זענען פערטיילט געווארען אין לאדז גופא אין פאלגענדע אנשטאלטען:

פאר ארימע וועכנערינס ביים יודישען וואלטעטיגקייט־פעראיין—10 קאסטענס, קינדעראזיל אויף נאלודנאראגאס — 20 קאסטענס, פאר די חברה „טראפען מילך"—15, „בקור חולים"—10, פרויענשוץ־פעראיין—5, קראנקענהויז אויף נאמען פאזנאנסקי—10, יודישע פאלקסקינדערהיים—5, הילפס־פעראיין „עזרה"—10, יודישע קינדערהיים אויף סמוגאראגאס—10, אינוואלידענאזיל — 5, שוטץ־פעראיין פאר טויב שטומע „עזרת אלמים"—5, פירזארגעראט—20, שוטץ־פעראיין פאר יתומים—15, גינעקאלאגאישער אינסטיטוט אויף נאלודניאראגאס—5, האנדווערקשול פאר יודישע מיידלעך—20, אונטערשטיצונגס־פעראיין פאר ארימע קינדער—10, אזיל פאר משוגעים אויף נעצאלאגאס—10, קינדערפלעגע ביי דער יודישער געמיינדע 15 קאסטענס.

---

## פון קאפענהאגענער הילפס־קאמיטעט.

דער פערוואלטונגס־פארשטאנד פון אלע סינאגאגען־געמיינדען און צדקה־אנשטאלטען אין ווילנא האט מיטגעטיילט, אז עס איז אנגעקומען די סומע פון 6331 מארק, וועלכע דער קאפענהאגענער הילפסקאמיטעט האט געשיקט פאר די נויטליידענדע יודען אין ווילנא. דער פארשטאנד דאנקט דעם הילפסקאמיטעט אין נאמען פון די טויזענדער יודישע פאמיליעס, וועלכע נויטיגען זיך אין גיכע הילף.

א חוץ דעם איז אויך ערהאלטען געווארען 4706 מארק פאר די קאמיטעטען אין ג ר א ד נ א און ב י א ל י ס ט א ק. לויט פארשריפט פון קאפענהאגענער הילפסקאמיטעט געהט דערפון 20 פראצ. פ א ר א ר ב י י ט ע ר ק י כ ע ן.

## שטיצע פאר ארץ־ישראל.

דער באקוער הילפס־קאמיטעט פאר די געליטענע פון דער מלחמה האט בעשלאסען אויך אויף ווייטער אוועקצושיקען 10 פראצענט פון זיינע הכנסות אין ארץ־ישראל, אזוי פיהרט זיך דער באקוער קאמיטעט זינט אקטאבער 1915

די 10 פראצענט, וועלכע מאכען אויס 1000 רובעל א חודש, ווערען דורך דער פעטערבורגער צענטראל־קאמיטעט איבערגעשיקט דעם אדעססער חובבי־ציון קאמיטעט.

# אין די אקופירטע געביטען.

## קארעספאנדענץ מיט אויסלאנד און רוסלאנד.

אין דער קארעספאנדענץ מיט די נייטראלע מלוכות און מיט רוסלאנד האט ביז איצט גוט פערמיטעלט די „געזעלשאפט איבער קארעספאנדענץ און נאכריכטען־פערמיטלונג אין שטוטגארד", דורך דער געזעלשאפט האט מען פון ווארשא און פון דער פראווינץ איבערגעשיקט פיעל בריעף און נאכריכטען צו די קרובים, וואס געפינען זיך אין רוסלאנד. אויף דעם אופן האט מען אויך בעקומען נאכריכטען פון די קרובים אין רוסלאנד.

איצט איז יעדע קארעספאנדענץ צווישען פוילען מיט אויסלאנד אזוי מיט די נייטראלע ווי מיט די קריעגס־פיהרענדע לענדער אבגעשטעלט געווארען. אלע בריעף און אנדערע זענדונגען, וואס ווערען געשיקט אויפ'ן אדרעס פון דער שטוטגארטער געזעלשאפט קומען אן צוריק אלס אונבעשטעלבאר.

---

## לאדז.

די צענטראל פערוואלטונג פון די ארבייטער־קיכען האט צוגעשיקט אנ־אפיציעלען בריעף דעם „קאמיטעט פאר ביליגע קיכען" אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט צו פערגרעסערן די סובסידיעס פאר די ארבייטער־קיכען, כדי זיי זאלען קענען נאכקומען די מאסען־בקשות אויף מיטאגען פון די ארבייטסלאזע. אויך ווערט אנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט צו פערגרעסערן דעם ווערט פון די מיטאגען און צו בעשטימען פאר איין פערזאן ניט מעהר ווי איין מיטאג טעגליך.

דער קאמיטעט ווערט אויך געבעטען די סובסידיעס פאר די ביליגע קיכען אויסצוצאהלען יעדען חודש מיט א מאל פאראויס, כדי עס זאל נישט פארקומען קיין עיכוב אין ארויסגעבען די ביליגע מיטאגען צוליעב דוחק אין געלד.

---

אין „לאדזער פאלקסבלאט" פון 29 אויגוסט לעזען מיר פאלגענדע מיטטיילונג, וועלכע וועט געוויס פעראינטערעסירען אלע אונזערע צאהלער:

ק א נ ד ע נ ז י ר ט ע מ י ל ך.

צוליעב דעם וואס די טעג וועט די געמינע פערטיילען די 200 קעסטלעך קאנדענזירטע מילך וואס זי האט בעקומען פון דעם סקאנדינאווישען צענטראל ביורא דארפען די אכראנקעס שפיטאלען א. ז. וו. אויפגעבען זייערע אדרעסען ווי אויך די צאהל פון די פערזאנען וואס געפינען זיך אין די דאזיגע אינסטיטוציעס. אויסערדעם זענען 50 קעסטלעך מילך בעשטימט פאר פעטריקאוו און 50 פאר קאליש.

---

## לובלין.

די עסטרייכישע אקופאציאנס־מאכט האט איצט איינגעפיהרט א נויטיגע רעפארם אין דער הילפס־טעטיגקייט לטובת דער יודישער בעפעלקערונג. די רעפארם בעשטעהט אין דעם, דאס אנשטאט וואס ביז איצט האבען עקזיסטירט אין די דערפער און קלענערע שטעדטלעך אזוי־גערופענע פאראכיאלע קאמיטעטען, צו וועלכע יודען האבען נישט געקענט געהערען צוליעב רעליגיעזע טעמים און ממילא אויך נישט בעקומען קיין שטיצע, איז איצט אויף דעם ארט פון די רעליגיעזע פאראכיאלע קאמיטעטען איינגעפיהרט געווארען גמינע־הילפס־קאמיטעטען, צו וועלכע עס קענען אויך געהערען, אלס פארשטעהער מענשען, וואס פערנעהמען זיך מיט האנדעל, קליין־אינדוסטריע און לעהרער. צוליעב די דאזיגע ענדערונג בעקומען אויך די יודישע איינוואהנער די מעגליכקייט אויסצוועהלען אין די קאמיטעטען זייערע פארשטעהער. די דאזיגע רעפארם איז נוגע אלע קרייזען פון דער עסטרייכישער אקופאציע אין פוילען.

Nr. 3 FOLKETS-HJÆLP

# פאלקס־הילף

## מיטטיילונגען

ארויסגעגעבען פון סקאנדינאווישען צענטראל־קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה.

אדרעס פון צענטראל־קאמיטעט:
SKANDINAVISK CENTRAL KOMITE FOR DE VED KRIGEN ULYKKELIG STILLEDE JØDER,
Gl. Kongevej 27, Teleph. Centr. 12688.

קאפענהאגען, דינסטאג כה׳ אלול התרע״ו 26 September 1916

## צום נייעם יאהר.

מיר שטעהען איצט פאר א נייעם יאהר. א שווערער, בלוטיגער יאהר ליגט הינטער אונז. עס פעהלט דער מוט צו ריידען צום יודען טרייסט־ און בערוהיגונגס־רייד. שטעהען מיר דאך אין מיטען פון אונזער גרויסער פאלקס־טראגעדיע. אלץ גרעסער און טיעפער ווערען די וואונדען אויף אונזער פאלקס־קערפער, אלץ מעהר שטייגערן זיך אונזערע ליידען און אלץ גרעסער ווערט׳דער יודישער חורבן. האבען מיר דאך ערשט איצט דערלעבט, אז נייע ווייטערע יודישע פאלקס־מאסען זיינען מיט אריינגעצויגען געווארען אין דעם גרויסען פאלקס־חורבן. הונדערט טויזענדער יודען אין רומעניען און אונגארען שטעהען איצט פאר א אבגרונד פון עלענד און נויט. דער ים פון יודישע צרות האט הפנים, קיין ברעג ניט. און ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז ביים יודען ארויפקומען א געפיהל פון יאוש פון פערצווייפלונג. וואו זאלען מיר נעהמען די קראפט צו ראטעווען אונזער פאלק אין דער צייט פון זיין גרעסטען אומגליק, אין דער צייט ווען מיר זיינען גאנץ איינזאם און אליין, אנגעוויזען אויף אונזערע אייגענע שוואכע כחות? ניט וולענדיג ענטשטעהט די אלטע ביטערע יודישע פראגע: מאין יבוא עזרי?

אט דאס איז די אלטע בלוטיגע פראגע. וועלכע שטעהט פאר אונז אין איהר גאנצער ערנסטקייט און ביטערקייט פאר נייעם יאהר. פון וואנען וועט קומען אונזער הילף?

און אויף אט דער פראגע מוז איצט דאס יודישע פאלק געבען א ענטפער. עס מוז, אויב אונזער פאלק וויל ניט פערשווינדען. עס מוז ענטפערען, אויב עס וויל ניט אין גאנצען צו גרונדע געהען און צערקוועטשט ווערען צווישען די בלוטיגע רעדער פון די וועלט־געשעהענישען.

און איין ענטפער איז פארהאן פאר אונזער פאלק:

פאלקס־הילף!

אליין. פון זיך ארויס שאפען יענע גרויסע כחות אין קאמף פאר אונזער מענשליכען און נאציאנאלען קיום — אט דאס איז די איינציגע תשובה, וועלכע איז מעגליך פאר אונז. די דאזיגע קראפט, דאס אינסטינקטיווע מאכט־בעוואוסטזיין. יענער גרויסער מעכטיגער סוד פון אונזער היסטארישען קאמף און קיום — וועט אויך אין דער צייט פון אונזער גרעסטען אומגליק ארויסווייזען זיין גרויסען וועלט־היסטארישע בעדייטונג. מיט זענען א עם־עולם, א אייביגעס פאלק. אונזער אייביגקייט, דאס איז אונזער גרויסע שטארקייט.) און טאקע צוליע אונזער דאזיגען בעוואוסטזיין פערפאלגט טען אונז צייט גאנצע דורות, ווייל מיר גלויבען אין זיך אליין און פארמאגען איין גרויסע בעהאלטענע פאלקס־כחות. און בעת מיר שפאנען אן אלע אונזערע כחות — זיעגען מיר. דאס איז דאס אייזערנע געזעץ אין דעם גאנצען לעבענסלויף פון אונזער פאלק.

אט דאס מוז איצט יעדער יוד וויסען. יעדער פון אונז טראגט אין זיך א טייל פון דער גרויסער אחריות פאר דעם קיום פון אונזער פאלק. יעדער הונגעריגער יוד. יעדער פרישער קבר פון אונזערע קינדערלעך, יעדער טרעהר פון אונזערע ליידענדע ברידער און שוועסטער שיקט א ברענענדיגע פראגע צו יעדערן פון אונז: צו האסט דו ערפיהלט דיין חוב? צו פאלט ניט אויף דיר א טייל פון דער דאזיגער שולד? און שטעהענדיג אויפ׳ן שוועל פון א נייעם יאהר, מיט נייע ארבייטען און נייע אויפגאבען — טאר זיך ניט געפינען קיין איינציגער יוד וועמעס געוויסען עס קאן פארבייגעהן אהן א ענטפער אויף דער דאזיגע פראגען. נאר דענסטמאל וועט אונזער פאלק זיין זיכער אין דער גרויסער ברידערליכע שטיצע. און דענסטמאל וועט קומען אונזער הילף.

מיר פיהרען ניט נאר א קאמף פאר ברויט, מיר ארבייטען און קעמפפען פאר אונזערע מענשען־ און פאלקס־רעכט. אין דעם מאמענט וואס מיר פעלאזען אין פערצווייפלונג אונזערע פאזיציעס, אין דעם מאמענט ווען מיר פערליערען אונזער זעלבסט־הילף, זענען מיר פערלוירען. מיט פערהונגערטע, פערצווייפעלטע און מוטלאזע מענשען האט מען מיטלייד. מיר פערלאנגען אבער רעכט און גערעכטיגקייט. מיר ווילען שטעהען אין קאמף פאר אונזער מענשליכען און נאציאנאלען קיום גלייך מיט אלע מענשען און אלע פעלקער פון דער גאנצער קולטור־וועלט. דער העכסטער צייכען פון מענשהייט און פאלקסטימליכקייט איז און בלייבט פאלקס־הילף! אט דאס איז די בעדייטונג פון אונזער ארבייט, אונזער רוף: „לחם לרעבים״ — ברויט פאר די הונגעריע איז צוגלייך א מעכטיגער, שטארקער לאזונג צו אונזער פאלקאו צו דער גאנצער וועלט: מיר בויען אויף אויפסניי אונזער פאלקס־בנין. שעהן, שטארק און ערהאבען בלייבט דער קיום און דער כבוד פון אינזער פאלק.

אט דאס מוז ווערען א לעבעדיגער פאקטאר אין בעוואוסטזיין פון יעדען יוד און דאס איז אונזער וואונש צום נייעם יאהר.

---

געלד און אלע אנדערע זענדונגען ווערען געבעטען צו שיקען אויף פאלגענדען אדרעס:

**Skandinavisk Central Komite for de ved Krigen ulykkelig stillede Jøder, Gl. Kongevej 27, København**

---

# קריסטיאניא! קריסטיאניא!

זונטאג, דעם 1־טען אקטאבער 1916, אום 11 א זייגער פארמיטאג וועט פארקומען אין קריסטיאניא אין

**Det Medicinske Selskabslokaler, Christian 4-des Gade Nr. 9.**

## אגרויסע פאלקס־פערזאמלונג

### וועגען דער לאגע פון די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה.

עס וועלען רעדען: דער פארזיצענדער פון סקאנדינאווישען צענטראל־הילפסקאמיטעט א. מ. טראצקי און דער שריפטשטעלער ו. גראסמאן.

קריסטיאנער יודען, קומט אין מאסען צום וויכטיגען פאלקס־מיטינג!

# אין די אקופירטע געביטען.

## ווארשא.

די יודישע חברה „עזרה“ האט יעצט בעקומען ערלויבניש אריינצופיהרען קארטאפעל, וועלכע וועט פערקויפט צו דער ארימער יודישער בעפעלקערונג פאר 4 קאפ. א פונט. דער ערשטער וואגאן איז שוין אנגעקומען און אין גיכען וועט אנקומען א צווייטער וואגאן.

———

דער פארשטאנד פון די ביליגע קיכען האט מודיע געווען דער ווארשאווער שטאדט־פערוואלטונג, אז ער קען מעהר ניט ארויסגעבען מיטאגען פאר 14 קאפעקען, ווייל לעבענסמיטעל ווערט אלץ טייערער.

עס האט זיך שוין געענדיגט די רעגיסטראציע פון די פערזאנען, וועלכע בעקומען מיטאגען. עס איז פעסטגעשטעלט, אז אנ׳ערך 80 פ ר א צ ע נ ט זענען אינגאנצען אהן ארבייט.

———

די סעקציע צו ערנעהרען קינדער ביי דער שטאדט־פערוואלטונג האט צוגעשיקט א מעלדונג צו דער יודישער סעקציע פאר פאלקסקיכען, אז פון היינט־אן וועט זי מערה נישט אויסהאלטען מיט בחנם׳דיגע מיטאגען די קינדער פון די תלמוד־תורה׳ס. ביז איצט פלעגט די דערמאהנטע סעקציע צאהלען פאר די תלמוד־תורה־קינדער פאר 540 מיטאגען טעגליך, וואס האט בעטראפען אנ׳ערך 750 רובל מאנאטליך.

———

## סטאטיסטיק פון דער הילפס־ארבייט.

די פערטיילונגס־קאמיסיע ביי דער אבטיילונג צו העלפען דער בעפעלקערונג האט ביז׳ן 1־טען יוני געגעבען שטיצע 40,333 פאמיליעס וועלכע בעשטעהען פון 145,912 פערזאן.

אין משך פון מאנאט יוני זענען צוגעקומען 2285 פאמיליעס. אין 1־טען יוני האט די קאמיסיע געשטיצט 32139 פאמיליעס אדער 117196 פערזאן, ד. ה. 12 פראצ. פון דער אלגעמיינער אהל בעפעלקערונג אין ווארשא.

צווישען די פערזאנען וואס בעקומען שטיצע געפונען זיך ארבייטסלאזע ארבייטער, פערזאנען פון אונבעשטימטע בעשעפטיגונגען, בעל־מלאכות, שניידער־וועשערינס, טאג־ארבייטער, אנגעשטעלטע, רעזערוויסטקעס, ארטיסטען א.ד.ג

———

## לאדז.

ביים היגען „הילפס־פעראיין פאר מלחמה געליטענע יודען“ איז געגרינדעט געווארען א סטאטיסטישע ביורא, וועלכע וועט זאמלען סטאטיסטישע מאטעריאלען פון איצטיגען יודישען עקאנאמישען און קולטורעלען לעבען אין לאדז. מען רעכענט, אז די דאזיגע ידיעות וועלען ברענגען פיעל נוצען, ווייל אין משך פון דער מלחמה האט זיך שטארק אומגעענדערט די פארם און כאראקטער פון יודישען לעבען. עס זענען אויך געשאפען געווארען פערשיעדענע הילפס־ארגאניזאציעס און איינריכטונגען, פון וועלכע עס איז נאך נישטא קיין גענויע ידיעות.

———

דער יודישער הילפס־פעראיין האט איינגעארדענט אין שטאדט מעהרע שטעלען וואו עס ווערט פערקויפט קארטאפעל. אין די טעג ערווארט מען 20 וואגאן קארטאפעל.

———

פאר דער צייט פון אויגוסט 1915 ביז יולי 1916 האט די שטאדט־פערוואלטונג אויסגעצאהלט דער נויטליידענדער בעפעלקערונג העכער 9 מיליאן רובעל.

———

דער קאמיטעט פאר „גמילות חסדים“ האט אין פערלויף פון די לעצטע 2 חדשים ארויסגעגעבען הלוואות אויף 26 טויזענד רובעל.

———

אין דער יודישער ארבייטער־קיך (פראנצישקאנער גאס 10) ווערען יעצט ארויסגעגעבען 1200 מיטאגען א טאג. די קינדער־קיכע אויף דער גרינער גאס גיט ארויס 400 מיטאגען. די פאלקס־קיך (ציגעלגאס 63) האט אין פערגאנגענעם חודש ארויסגעגעבען אינגאנצען איבער 85 טויזענד מיטאגען, דערפון אנ׳ערך 78 טויזענד צו 3 קאפעקען און די איבריגע אומזיסט.

———

## ווילנא.

דער ווילנער יודישער האנדווערקער־פעראיין האט בעשלאסען צו עפענען די טעג א קאאפעראטיווע קראם פאר די מיטגליעדער פון פעראיין. די האנדווערקער בעלי־בתים, וועלכע ווילען זיך בענוצען מיט די פראדוקטען פונ׳ם קאאפעראטיוו, מוזען זיך וואס גיכער פערשרייבען אין פעראיין. כדי מען זאל פעסטשטעלען דעם סכום פראדוקטען וואס מ׳דארף אנגרייטען. אויסער פערשיעדענע לעבענסמיטעל פראדוקטען, וועט מען אויך פערקויפען ברויט אויף קליינע מקחים. יעדער מיטגליעד קען זיך אויסשרייבען פון זיין פריהערדיגע בעקעריי, בכדי צו בעקומען זיין פארציע ברויט אינ׳ם האנדווערקער־קאאפעראטיוו.

———

אין דער לעצטער צייט האבען איניגע פאמיליעס אין ווילנא בעקומען ערלויבניש צו פאהרען קיין אמעריקא. ווי מען מעלדעט פון ניו־יארק, ערצעהלען די עמיגראנטען וועגען דעם צושטאנד, וועלכער הערשט אין ווילנא. דער יקרות איז דארט זעהר גרויס. א פונט ברויט געמישט מיט קארטאפעל קאסט 60 קאפעקען, א פונט פלייש קאסט 2 רובל, א פונט פוטער—3 רובל, א פלאש מילך געמישט מיט וואסער—55 קאפ., אן איי—20 קאפ., עס ווערט טעגליך נאר ארויסגעגעבען צו א האלב פונט ברויט פאר א מענשען.

ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר בעמערקען, אז דער סקאנדינאווישער צענטראל־קאמיטעט האט איצט געשיקט נאך 300 קאסטענס קאנדענזירטע מילך קיין ווילנא, אלזא צוזאמען מיט די פריהערדיגע אינגאנצען 600 קאסטענס, וועלכע האבען א ערנעהרונגס־ווערט ווי אנ׳ערך 70 טויזענד ליטער פאלמילך און העכער 5 טויזענד קילא צוקער.

———

דער פעראיין „אחיעזר“ טוט אויף זעהר פיעל צו העלפען די ארימע יודישע בעפעלקערונג. מאנטאג דעם 14 אויגוסט (חמשה עשר באב) האט דער פעראיין פעראנשטאלטעט א גרויסע גארטען־פערוויילונג, וועלכע האט געבראכט ריינע הכנסה עטליכע טויזענד מארק.

———

ס׳איז געגרינדעט געווארען א ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע וועט טיילען אומזיסטע ברויט פאר די היימלאזע. די קאמיסיע וועט צוערשט מאכען א גענויע רעגיסטראציע וועגען דער צאהל יודישע היימלאזע, וואס זענען נאך פערבליבען אין ווילנא.

———

## ביאליסטאק.

די מיליטער־פאליציי האט איצט פערצייכענט צום שטראף א הענדלערין, ווייל זי האט פערקויפט פיש איבער׳ן בעשטימטען העכסטען פרייז. זי האט געפאדערט פאר א פונט פלאטקעס 1,40 מארק. די העכסטע פרייזען פאר פיש וואס זענען פערעפענטליכט געווארען דא ניט לאנג, האבען בעשטימט פאר א פוילישען פונט לעבעדיגע קארפען 1,50 מארק, טויטע 1,30 מארק, העכט, שלייענס, לעשטשען לעבעדיגע 1,10 מק. טויטע (0,9 מק., פאר ווייסע פיש (פלאטקעס, קארעשען א. אנד.) לעבעדיגע 0,80 מארק און טויטע 0,60 מארק. ווער עס נעהמט מעהר, ווי די דאזיגע העכסטע פרייזען, ווערט בעשטראפט מיט געלד־שטראפען ביז 600 מארק.

———

## טרויעריגע בילדער.

אין די אקופירטע געביטען האט זיך לעצטענס בעוויזען א נייער מין טרויעריגע בילדער: ע ל ט ע ר ן  ו ו א ר פ ע ן  א ו ו ע ק  ק ל י י נ ע  ק י נ ד ע ר  א ו י פ׳ן  ג א ס  א ו ן  פ ע ר ש ו ו י נ ד ע ן! נאכדעם ווי די עלטערן זעהען איין, א דאס קליינע קינד וועט ביי זיי אין דער היים אויסגעהן פון הונגער און עלענד — הויבען זיך אן די בעמיהונגען אריינצובריינגען דאס קינד אין וואס פאר ניט איז קינדער־היים. די קינדער־היימען נעהמען אבער אן נאר יתומים. געהען אלזא, יודישע עלטערן און לאזען איבער זייערע קינדער אין מיטען גאס אין דער האפנונג, אז אזוי ארום וועט דאס קינד פארט אנקומען אין א קינדער־היים. עס פאסירט, אז די קינדער, וועלכע ווערען דערנאך געפיהרט שפאצירען פון די קינדער־היימען, דערקענען אויפ׳ן גאס זייער פאטער אדער מוטער. די עלטערן אבער, מורא׳האבענדיג, אז געוואהר ווערענדיג אז די קינדער זענען ניט קיין יתומים וועט מען זיי ארויסשיקען פון קינדער־היים — לייקענען אב און טענה׳ן, אז דאס קינד האט גאר א טעות, זיי זענען נאר א פעטער אדער א מוהמע, דאס קינד אבער מאכט שרעקליכע קולות. אזעלכע טרויעריגע בילדער קען מען בעגעגנען אין די גאסען פון ווארשא, ווילנא, לאדז זעהר אפט.

———

## יודישע ארבייטער.

אין פערשיעדענע פוילישע שטעדט ווערען איצט געמאכט פון דער רעגיערונג גרויסע שאסעע און וועג־פערבעסערונגען. א גרויסע צאהל יודישע ארבייטער האבען געפונען דורך דעם פערדיענסט צום לעבענס־אונטערהאלט. אויף השתדלות פון די רבנים איז ערלויבט געווארען פאר די יודישע ארבייטער, וועלכע ווילען רוהען שבת, צו ארבייטען זאנטאג.

אויך אין די געגענדען פון ליטא, קאוונא און ווילנא ארבייטען א גרויסע צאהל יודען אויף וועגען און שאסעען. זיי פערדיענען 2 מארק א טאג. ביי דעם איצטיגען יקרות זענען די פערהייראטעטע ארבייטער נישט אין דער לאגע זיך צו ערנעהרען מיט אזא סומע. אלע יודישע ארבייטער־פאמיליעס אין יענע געגענדען לעבען וואכען־לאנג פון טרוקענע ברויט מיט וואסער. פיעל יודישע ארבייטער בענוצען זיך אפט זאגאר מיט די דערבייאיגע מיליטער־קיכען, כדי צו עסען אמאל עטוואס ווארימעס. דער גרעסטער טייל אבער פון די ארבייטערס, איבערהויפט די פרויען, ווילען נישט עסען קיין טרפה. כדי צו עסען אמאל עטוואס ווארימעס מוזען זיי געהן צום נאהענטסטען יודישען ישוב וואס איז אלע מאל 12—15 וויארסט ווייט.

## שטימען פון פובליקום.

(א בריעף).

געעהרטע הערען פ ן צענטראל־קאמיטעט!

לויט דעם לעצטען בעריכט פון צענטראל־קאמיטעט, וועלכער איז אין א זיצונג בעקאנט געווארען—הערען מיר, אז דער טראנספארט פון די 300 קעסטלעך קאנדענזירטע מילך איז פערטיילט געווארען קדם־כל צווישען די יודישע קינדער־היימען און שפיטאלען אין פוילען.

מיר שיינט, אז די דאזיגע פערטיילונג איז ניט די העכסט ריכטיגע. אלע ווייסען, אז גראד די עפענטליכע אנשטאלטען זענען אם בעסטען אין דער לאגע זיך א עצה צו געבען אין דער בעשאפונג פון מילך. די קאמונע, די רעגיערונג און אויך אלע געועלשאפטליכע עלעמענטען בעשעפטיגען זיך מיט זיי—דערפאר איז זיי פיעל לייכטער צו בעקומען דאס נויטווענדיגסטע.

א סך טרויעריגער איז אבער די לאגע פון די קינדער און שוואכע, וועלכע געפינען זיך נ י ט  א י ן  ש פ י ט א ל, נאר ביי זיך אין ד ע ר  ה י י ם. איך גלויב, אז עס וואלט זיין פיעל וויכטיגער, אז דער צענטראל־קאמיטעט זאל פעראָרדנען, אז קדם־כל זאל די מילך פערטיילט ווערען צו אזעלכע פ ר י ו ו א ט־פערזאנען, און ניט קדם־כל צו עפענטליכע אינסטיטוציעס. איך גלויב, אז דאס איז אויך געווען דער זין פון די צאהלערס.

מיט דרך־ארץ

א צ א ה ל ע ר.

# פון צענטראל־קאמיטעט.

אין פערלויף פון די זומערדיגע חדשים האבען מיר ניט געהאט קיין מעגליכקייט אינגאנצען דורכצופיהרען די פערשיעדענע פונקטען פון די רעזאלוציאנען, וועלכע זענען געווארען אנגענומען אויף דער קאנפערענץ. ווי בעקאנט איז בעשלאסען געווארען צו גרינדען ארטיגע הילפס קאמיטעטען אין די גרעסערע יודישע געמיינדען שוועדען און נארוועגען, קודם־כל אין געטערבארג און קריסטיאניא. אבער לויט ווי אונזערע פערטרעטער אין די דאזיגע שטעדט האבען אונז מודיע געווען, איז נאך ניט געוועזען די פאסענדע צייט די ארבייט פארצונעהמען, ווייל דער גרעסטער טייל פון די ארטיגע כלל־טהוער זענען ניטא אין דער היים און פאר הערבסט איז ניט מעגליך דארט עפאס אנצוהויבען. נעהמענדיג אין בעטראכט די דאזיגע וויכטיגע סבה האבען מיר אויך בעשלאסען פארלייפיג אבצווארטען מיט דער גרינדונג פון די קאמיטעטען, צו וועלכער עס מוזען צוגעצויגען ווערען אלע ארטיגע קרעפטען.

אזוי אבער ווי די צייט איז שוין איצט נאהענט אנצוהויבען די פראפאגאנדא פאר דעם קומענדיגען סעזאן, האבען מיר בעשלאסען גאר אין גיכען צו שיקען אין עטליכע ערטער אין דער פראווינץ אונזער סעקרעטאר, וועלכער זאל פארבערייטען די ארבייט און ארגאניזירען אין יעדען ארט:

1) לעבענס־מיטעל טעג;

2) צייטווייליגע הילפס־קאמיטעטען איינצוארדנען אומעטום רעגעלמעסיגע מאנאטליכע זאמלונגען.

א חוץ דעם איז זעהר וויכטיג, אז צו דער קומענדיגער צווייטער קאנפערענץ פון די סקאנדינאווישע הילפס־קאמיטעטען זאלען זיין פערטרעטען א גרויסע צאהל יודישע געמיינדען פון סקאנדינאוויען.

בכלל שטרעבען מיר, אז יעדער יוד, וועלכער געפינט זיך אין סקאנדינאוויען און האט נאר א מעגליכקייט צו געבען, זאל צוגעצויגען ווערען צו דער וויכטיגער נאציאנאלער הילפס־ארבייט פאר אונזערע נויטליידענדע ברידער.

אין אויפטראג פון די לאקאלע קאמיטעטען פון קאפענהאגען און שטאקהאלם האבען מיר אין דער לעצטער צייט אבגעשיקט צוויי וואגאן קאנדענזירטע בעצוקערטע מילך, איין וואגאן קיין לאדז און איין וואגאן קיין ווילנא. יעדער וואגאן בעטרעפט אנ׳ערך 12 טויזענד קראן. קאנדענזירטע מילך איז א העכסט וויכטיגער נאהרונגס־מיטעל.

ווי בעקאנט הערשט אין די אקופירטע געגענדען א גרויסער דוחק אין מילך, און דורך דעם ליידען זעהר שטארק קינדער און קראנקע. מיר האבען דערפאר געבעטען די קאמיטעטען אין לאדז און ווילנא, אז די מילך זאל הויפטזעכליך פארטיילט ווערען אין קראנקענהייזער און קינדערהיימען, און זיי זאלען דערפון אויך שיקען אין אנדערע שטעדט פון פוילען און ליטא ווי קאליש, פעטריקאוו, גראדנא, קאוונא, ביאליסטאק א. ז. וו.

א נארמאלער וואגאן קאנדענזירטע מילך פון 10 טויזענד קילא איז דאס אייגענע ווי 50 טויזענד ליטער געוועהנליכע מילך, געצוקערט, דאס הייסט, אז מיט א וואגאן קאנדענזירטע מילך קען מען דערנעהרען מעהר פון 50 טויזענד קינדער א טאג אדער מעהר פון 16 הונדערט קינדער א חודש.

מען קען אלזא דערפון זעהען, וואס פאר א וויכטיגער נאהרונגס־מיטעל די מילך איז פאר די טויזענדער יודישע קינדער און קראנקע און מיר האפען, אז יעדערער וועט געוויס טהון זיין חוב און אונז געבען די מיטלען כדי צו דערהאלטען דאס לעבען פון די קליינע קינדער.

מיר אונטערהאנדלען נאך וועגען ווייטערדיגע זענדונגען פון קאנדענזירטע מילך און אנדערע לעבענסמיטעל, וועלכע מען קען ארויספיהרען, קודם־כל ה ע ר י נ ג אין וועלכע מען נויטיגט זיך שטארק אין די אקופירטע געגענדען. ווי מיר ערפאהרען וועט היי־יאהר דארט זיין גענוג קארטאפעל און אויף אזא אופן וועט דערצו הערינג זיין א וויכטיגער נאהרונגס־מיטעל.

לויט ווי מען טיילט אונז מיט האט אויך דער אמעריקאנישער קאמיטעט בעשלאסען צו קויפען לעבענס־מיטעל און האט פארלויפיג בעשטימט 25 טויזענד דאלאר פאר קאנדענזירטע מילך.

כדי צו האבען א מעגליכקייט ארויסצופיהרען מילך און פערשיעדענע אנדערע לעבענס־מיטעל, האבען מיר זיך בעמיהט צו בעקומען פון דער ענגלישער רעגיערונג די נויטיגע ערלויבניש. מיר האבען זיך געווענדעט צום ענגלישען געזאנדטען אין קאפענהאגען און דעם 9 אויגוסט האבען מיר ערהאלטען פאלגענדען בריעף פון דער היגער ענגלישער געזאנדשאפט:

„אן דעם פרעזידענטען פון דעם סקאנדינאווישען צענטראל־קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען!

דער געזאנדטער בעשטעטיגט דעם עמפפאנג פון אייער בריעף פון 4 ד. מ. און טיילט אייך מיט, אז די בייגעלעגטע דאקומענטען זענען אבגעשיקט געווארען קיין לאנדאן.

סער ה. לאויטער סימפאטיזירט זעהר מיט די אומגליקליכע מענשען, וועלכע אייער קאמיטעט זוכט צו העלפען אבער די היגע געזאנדשאפט איז ניט אימשטאנד אייך צו אונטערשטיצען אהן די אינסטרוקציאנען פון דעם ענגלישען אויסערן־מיניסטער".

א חוץ דעם האבען מיר זיך געזעצט אין פערבינדונג מיט דעם פרעזידענטען פון אמעריקאנער רויטען־קרייץ. דעם בעקאנטען יודישען כלל־טהוער י ע ק ב ש י ף. ער האט אונז אויך פערשפראכען צו טהון אלעס מעגליכע אונז אין דער ארבייט צו אונטערשטיצען.

אויך אין לאנדאן גופא איז זיך פאר אונז משתדל א וויכטיגע פערזענליכקייט אויסצופועל׳ן די נויטיגע ערלויבניש בנוגע די לעבענסמיטעל.

עס איז צו האפען, אז עס וועלען ניט זיין קיין הינדערנישען אין דער בעציהונג און מיר וועלען זיין אימשטאנד צו שיקען די לעבענסמיטעל, אבער דער עיקר איז איצט די געלדפראגע. מיר ווענדען זיך דערפאר נאכאמאל צו אלע יודען אין סקאנדינאוויען אין נאמען פון אונזערע הונגערליידענדע ברידער און שוועסטער:

ש י ק ט ג ע ל ד!

## ה׳ אלפרעד היימאנ׳ס בעריכט

דער יודיש־דענישער קויפמאן, ה׳ אלפרעד ה י י מ א ן פון קאפענהאגען, וועלכער איז מיט א קורצע צייט צוריק געפאהרען אין רוסיש־פוילען אלס פערטרעטער פון דעם קאפענהאגענער יודישען הילפס־קאמיטעט, האט אויף א זיצונג פון הילפס־קאמיטעט איבערגעגעבען פאלגענדען בעריכט:

ווי בעקאנט האט אין פריה־יאהר פראפעסאר עלינגער פון קאפענהאגען, אין אויפטראג פון דעם דעניש־פוילישען קאמיטעט, בעזוכט פוילען און גאליציען און האט דערנאך ארויסגעפיהרליך געשילדערט די טרויריגע לאגע פון די דאזיגע געביטען. אין משך פון די עטליכע חדשים ביז מיין רייזע איז די לאגע נאך ערגער געווארען. איך האב געהאט די געלעגענהייט צו זעהען די ארימע שטאדט־טיילען פון ווארשא צוזאמען מיט די מיטגליעדער פון דייטשען רייכסטאג דאוויד און נאסקע אין בעגלייטונג פון ד״ר לידוויג האאז, דער הויפטלייטער פון דער ווארשאווער ציוויל־פערוואלטונג.

מען קען זיך גארנישט מאכען קיין שום בעגריף אין וואס פאר א שרעקליכען צושטאנד די יודישע בעפעלקערונג לעבט דארט. אין פייכטע פינסטערע קעלער־וואהנונגען געפינען זיך ביז 10 מענשען אין א צימער. די לופט איז אונערטרעגליך. כמעט אלע זענען אהן ארבייט און אפילו א גרויסער טייל פון די מיטעלע בעלי־בתי׳שע פאמיליעס מוזען אנקומען צו צדקה. עס לעבען נאר גוט אייניגע פון די רייכע, ווייל מיט געלד קען מען אלסדינג בעקומען.

איך האב אויך בעזוכט די פערשיעדענע קיכען און קינדער־אנשטאלטען און מוז בעמערקען, אז אלעס איז גוט איינגעארדענט און די ארטיגע ארגאניזאציעס טהוען וויפיעל זיי קענען כדי צו לינדערן די נויט און פארהיטען די בעפעלקערונג פון הונגער־טויט.

אבער לידער פעהלען לעבענס־מיטעל, דער עיקר מילך, ווייל דער גרעסטער טייל פון די קיה זענען געווארען רעקווירירט. צוליעב דעם מאנגעל פון לעבענס־מיטעל זענען אויסגעבראכען פערשיעדענע עפידעמישע קראנקהייטען און די שטערבליכקייט פון קליינע קינדער איז זעהר גרויס.

די קאנדענזירטע מילך, וועלכע איז געשיקט געווארען פון קאפענהאגענער הילפס־קאמיטעט איז געוועזען אנ־אמת׳ע רעטונג פון א סך קינדער.

בשעת איך בין געקומען אין לאדז האט דארט גראד געהערשט א ברויט־הונגער פון 2 ביז 3 טעג. נאר די קראנקענהייזער האבען געהאט א קליינעם פאררעט ברויט. די דארטיגע פאבריקען האבען אויך אויפגעהערט צו ארבייטען און אויף אזא אופן זענען די ארבייטער, פון וועלכע א גרויסער טייל זענען יודען, געבליעבען אהן ארבייט.

אויך אין לאדז פעהלט מילך און עס איז דרינגענד נויטיג וואס גיכער צו שיקען אהין קאנדענזירטע מילך, כדי צו דערהאלטען דאס לעבען פון די קינדער און קראנקע.

מען האפט אפילו, אז עס וועט זיין היי־יאהר אין פוילען א גוטע געטריידע־ערנטע, אבער עס איז נאך א גרויסער ספק אויב די ארטיגע בעפעלקערונג וועט האבען דערפון דעם נוטצען, ווייל, ווי מען גיט איבער, האט די דייטשע רעגיערונג אפיציעל מיטגעטיילט, אז א טייל פון די געטריידע פון פוילען וועט ארויסגעשיקט ווערען קיין דייטשלאנד.

## פעראייניגטע קינדער־היימען.

(פון ווארשא).

פונ׳ם קאסא־בעריכט, וואס די פערוואלטונג פון די פעראייניגטע יודישע קינדער־היימען האט פערעפענטליכט, איז צו זעהען, אז אין דער צייט פון דעם 1־טען נאוועמבער 1915 ביז דעם 31 יולי היי־יאהר האט די צענטראלע געהאט פאלגענדע הכנסות:

פון דער סעקציע צו ערנעהרען קינדער ביי דער גמינע־הילפס־קאמיסיע 5581.60 רובל, פון דער אמעריקאנער סעקציע 6605 רובל, פון דער געזעלשאפט צו העלפען די מלחמה־געליטענע יודען 750 רובל און פון דער סעקציע הילף פאר קינדער 1325,90 רובל. צוזאמען א סומע 14 טויזענד 262 רובל 50 קאפ.

דאס געלד איז איינגעטיילט געווארען אויף פאלגענדען אופן לויט די צאהל קינדער. די קינדער־היים אויף גענשא 7 האט בעקומען—5399 רובל 65 קאפ., די קינדער־היים אויף טווארדא 22—3679 רובל 86 קאפ., די קינדער־היים אויף טוואר־דא 36—2664 רובל 10 קאפ. און די קינדער־היים אויף עלעקטאראלנא 49—2518 רובל 99 קאפ.

אויסער די דאזיגע סומען וואס די פעראייניגטע קינדער־היימען האבען בעקומען דורך די צענטראלע, האט יעדע היים געהאט איהרע אייגענע הכנסות ווי: מיטגליעדס־אבצאהל, ספעציעלע נדבות דירעקט פאר איינע פון די היימען, פון אונטערנעהמונגען א. א. וו.

איצט מוז די צענטראל־פערוואלטונג פון די היימען זעהען צו בעקומען נייע אונטערשטיצונג, ווייל פון דער אמעריקאנער סעקציע בעקומט זי שוין נישט מעהר קיין שטיצע און די אונטערשטיצונג פון דער דאזיגער סעקציע איז געווען די בעדייטענדסטע.

Nr. 2 FOLKETS-HJÆLP

# פאלקס־הילף

## מיטטיילונגען

ארויסגעגעבען פון סקאנדינאווישען צענטראל־קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה.

קאפענהאגען, פרייטאג ג׳ אלול התרע״ו 1 September 1916

אדרעס פון צענטראל־קאמיטעט:
Gl. Kongevej 27, København, Tlf. Vestør 4831

## צו דער ארבייט!

מיר שטעהען איצט ערב דעם ווינטער־סעזאן פון געזעלשאפטליכען לעבען. די יודישע עפענטליכקייט אין סקאנדינאוויען וועט באלד וויעדער אננעהמען די פערברייטערטע און פערגרעסערטע פארמען, וועלכע זענען כמעט אינגאנצען אבגעשוואכט געווארען אין די זומער־חדשים. דערפאר רופען מיר שוין בייצייטענס צו אלע יודען אין סקאנדינאוויען: צו דער ארבייט!

די הילפס־ארבייט, איז לויט איהר אלגעמיינעם חאראקטער אזאך, פון וועלכער מען איז זעהר לייכט גענייגט צו גלויבען, אז אט האט שוין יעדערער זיין חוב גענוג געטאן. יעדערער מיינט, אז ער גיט וויפיעל זיין חוב וואלט געוועזען. פאר יעדער הילפס־טעטיגקייט איז דערפאר אלעמאל פארהאן די סכנה אבגעשוואכט און ערמידעט צו ווערען. עס איז דערפאר אונזער פליכט, דער מענשליכער און יודישער חוב יעדערן פון אונז שטענדיג צו דערמאהנען: עס איז נאך פיעל צו ווייניג געטהון געווארען פאר אונזערע אומגליקליכע ברידער און שוועסטער, פאר אונזערע הונגעריגע עלטערן, פרויען און קינדער. צו גרויס איז די נויט און צו טרויעריג איז די לאגע. נאך יאהרען־לאנג וועט אונזער פאלק מוזען אנווענדען די גרעסטע ענערגיע פאר אונזער הילפס־ארבייט, כדי צו ראטעווען פון אונטערגאנג, פון קראנקהייט און עלענד, די גרויסע יודישע פאלקסמאסען.

זאל די יודישע עפענטליכקייט וויסען, אז די יודישע וועלט פערפאלגט מיט א גרויסען אינטערעס דאס יודישע עפענטליכע לעבען אין סקאנדינאוויען. מען הערט זיך צו און מען זעהט זיך ערנסט צו, צו אלץ דאס וואס און ווי די יודען אין נייטראלען סקאנדינאווישען צענטרום טהוען זייער חוב צו זייערע הונגעריגע ברידער. עס איז זעהר בעצייכנענד, אז דער בעריכט פון „פאלקס־הילף" נומער 1 וועגען דער הילפס־טעטיגקייט אין סקאנדינאוויען איז איבערגעדרוקט געווארען כמעט אין דער גאנצער יודישער פרעסע אין פוילען און גאליציען. אונזערע ברידער ערווארטען פון אונז, אז מיר וועלען זיך ניט בעגנוגענען דערמיט, וואס מיר וועלען זייערע הילף־רופען און זיפצען פערשפרייטען און מודיע זיין ווייטער צו דער יודישער וועלט — אונזערע ברידער ווארטען דערויף, אז מיר אליין זאלען זיך בעטייליגען אין דער פאלקס־הילף, מיט אלע אונזערע כחות, מיט דער גאנצער ענערגיע און מיט אונזער גאנצען מיטגעפיהל, וועלכער עס האט ארויסגערופען ביי אונז אונזער בלוטיגע פאלקס־טראגעדיע.

באלד הויבט זיך וויעדער אן דאס געזעלשאפטליכע לעבען אין סקאנדינאוויען. מיר האפען, אז צו גלייך וועט זיך ביי אונז דערנייערן די הילפס־ארבייט מיט א פרישער בעגייסטערונג און מיט א נייער קראפט. מיר מוזען פערשטארקען און בעפעסטיגען אונזער ארגאניזאציאנס־ארבייט. עס טאר ניט זיין אין אונזער געזעלשאפט קיין איינציגער, וועלכער זאל זיך ניט בעטייליגען אין דער פאלקס־ארבייט. מיר וויסען: אין סקאנדינאוויען זיינען פארהאן נאך גענוג הילפס־מעגליכקייטען, גענוג פינאנציעלע כחות. מיר מוזען די גאנצע יודישע בעפעלקערונג פון סקאנדינאוויען ארגאניזירען אונטער דעם לאזונג: העלפט אונזערע ברידער!

לאמיר געדענקען דעם דאזיגען לאזונג איבעראל וואו מיר זיינען און אין אלץ וואס מיר טהוען. זאל נאר יעדערער פון אונז געדענקען, אז דורך דעם וואס עס געלינגט אונז גליקליכערווייזע צו שיקען פאר אונזערע ברידער לעבענסמיטעל אנשטאט געלד — האט אונזער הילף א דרייפאכען און פיערפאכען מאטעריעלען ווערט.

בעת די גאנצע וועלט האט מיט בעוואונדערונג געזעהען מיט וואס פאר א גרויסער בעגייסטערונג דאס יודישע פאלק האט זיך אויפגעוואכט צו דער זעלבסט־הילף, צו אונזער גרויסער פאלקס־הילף, האבען אלע געזאגט: דאס איז די גרעסטע מענשליכע און יודישע זעלבסט־אכטונג.

לאמיר דערפאר זארגען, אז די ארבייט פאר אונזערע ברידער זאל ווערען א געדענקבלאט פון כבוד און אכטונג פאר די יודען אין סקאנדינאוויען.

## א דאנק פון דער יודישער געמיינדע אין לאדז.

א בריעף פון ציוניסטישען אקציאנס־קאמיטעט צום סקאנדינאווישען צענטראל־הילפס־קאמיטעט:

זעהר געעהרטע הערען!

פון פארשטאנד פון דער יודישער קהלה אין לאדז האבען מיר בעקומען א בריעף פון 23־טען אויגוסט. אין דעם דאזיגען בריעף בעשטעטיגט די לאדזער קהלה דעם עמפפאנג פון אונזער בריעף פון 15־טען אויגוסט, אין וועלכען מיר האבען מודיע געוועזען דער געמיינדע וועגען די 300 קעסטלעך קאנדענזירטע מילך. דער געמיינדע־פארשטאנד בעט אונז אייך ארויסצוזאגען, אינ׳ם נאמען פון די ארימע אין דער שטאדט לאדז, דעם טיעפגעפיהלטען דאנק פון דער געמיינדע.

תיכף ווי די מילך וועט אנקומען וועט זי פערטיילט ווערען אויף די פון אייך געווינשטע אופנים״.

דער דאזיגער בריעף פון ציוניס.־קאמיטעט בעציהט זיך אויף דעם טראנספארט פון 300 קעסטלעך קאנדענזירטע מילך, וועלכע זענען אבגעשיקט געווארען אין אויפטראג פון די הילפס־קאמיטעטען אין שטאקהאלם און קאפענהאגען מיט׳ן אנווייז, אז די מילך זאל קדם־כל פערטיילט ווערען פאר קינדער־היימען און שפיטאלען. א טייל פון דעם דאזיגען מילך־טראנספארט (100 קעסטלעך) זאלען געהען קיין קאליש, פעטראקאוו און אין אנדערע קלענערע ערטער וואו די נויט איז זעהר גרויס.

**געדענקט, עס קומט דער ווינטער שיצט אונזערע ברידער פאר הונגער און קעלט!**

# אין די אקופירטע געביטען.

## פינסק.

די יודען אין פינסק, אונטער דער דייטשער הערשאפט, געפינען זיך אין א גאר ניט גלענצענדער לאגע. די שטאדט איז בוכשטעבליך אבגעריסען פון דער איבעריגער וועלט. ניט מען קען פרייוויליג ארויספאהרען, ניט אריינפאהרען, קיין לעבענס־מיטלען זענען כמעט ניטא דאס וואס מען קריעגט יא אריין, קאסט געפעהרליך טייער. די ארמיניסטראציע איז קארעקט, אבער אונ׳רחמנות׳דיג שטרענג: פאר יעדער קלייניגקייט — א שווערע שטראף. דערצו קומט נאך די, פאר דער יודישער בעפעלקערונג, אונפערשטענדליכע פאליטיק, פון „איבערטראגען״ בעדייטענדע טיילען פון דער בעפעלקערונג פון די צום פראנט נאהענטע שטעדט, אין די ווייטערע טיילען פון פוילען. אויב איך וועל אויך צוגעבען, אז די גאנצע יונגע מענער בעפעלקערונג איז אוועקגעשיקט געווארען נאך דייטשלאנד, אלס קריעגס־געפאנגענע, וועט איהר האבען דעם לעצטען, טרוקענעם סך־הכל פון יודישען לעבען אין פינסק, וואס ווי איך גלויב, איז עהנליך צו די איבעריגע יודישע שטעדט און שטעדטלעך אי קריעגס־ראיאן פון ליטא.

די דייטשע אדמיניסטראציע האט געקראגען א בעפעהל, אז אין פינסק דארפען ניט מעהר זיין ווי 10,000 איינוואוינער. ביי זייער אנקומען האבען זיי געפונען 25 טויזענד. האבען זיי אלעמען פאטאגראפירט, ארויסגעגעבען פאספארטען און האבען אנגעהויבען ארויסשיקען די „איבערינע״ 15 טויזענד איינוואוינער.

די צאהל ארויסגעשיקטע פלעגט זיין 8—7 הונדערט א טאג. דער בירגער־קאמיטעט, וועלכער האט זיך ארגאניזירט פאר׳ן אנקומען פון די דייטשען האט פערוואלטעט מיט׳ן ארויסשיקען. געוועהנליך פלעגט מען ארויסשיקען די אריםערע. די אדמיניסטראציע פלעגט צוגרייטען די נעמען פון די וועלכע דארפען ארויסגעשיקט ווערען און דער קאמיטעט האט עס אויסגעפיהרט. די דייטשע באהן־פערוואלטונג האט געגעבען פאר דעם צוועק פראכט־וואגאנעס, די ארויסגעשיקטע האבען געליטען ביטערע קעלט. יעדער ארויסגעשיקטער פלעגט קריגען פון בירגער־קאמיטעט צוויי פונט ברויט, קליין געלד און פאר יעדען וואגאן מיט ארויסגעשיקטע א פאר ליכטלעך. אויב דער קאמיטעט האט אזוי גיך ניט געקראגען די גאנצע צאהל פערזאנען, וועלכע האבען בעדארפט ארויסגעשיקט ווערען פלעגען די דייטשע סאלדאטען לאזען זיך איבער די גאסען, כאפען מענשען, אנברעכען די ביינער און ארעסטירען. וואו־הין עס ווערען טראנספארטירט די ארויסגעשיקטע, איז געוועזען א סוד, מען האט אבער גערעדט, או מען שיקט זיי הינטער ווארשא, אויף יענער זייט ווייכסעל, ארום וואלאמין און נאווידוואר. די שווערע לאגע פון די ארויסגעשיקטע איז ניט צו בעשרייבען. די אורזאכען זענען דער בעפעלקערונג ניט געוועזען קלאר, מען האט גערעדט, אז די דייטשען פיהלען זיך ניט זיכער און ווילען ניט האבען אין קריעגס־פראנט א גרויסע ציוויל־בעפעלקערונג.

ביי אונז אין פינסק זענען די רוסען אין אלגעמיין געוועזען אנשטענדיג. דער קאמענדאנט איז געוועזען זעהר א פיינער מענש און פאר דער גאנצער צייט פון קריעג איז אין פינסק ניט פררצייכענט געווארען קיין איין געוואלדטהאט, רויבעריי אדער עפעס עהנליכעס.

אין שטאדט איז צו יענער צייט געוועזען א לעבעדיגער האנדעל, פינסק איז געוועזען פערבונדען מיט דער אויסערער רוסלאנד, דורך איהר באהן און׳ם בעריהמטען טייך פינא, אויף וועמעס נאמען עס רופט זיך די שטאדט. מען האט אלץ געקראגען צוגעפיהרט, יודען האבען צוגעשטעלט פערשידענע ארטיקלען צו דער ארמעע או בעלי־מלאכות האבען געארבייט אויף קאזיאנע בעשטעלונגען. סורק, מאטעריעל האט זיך די בעפעלקערונג געפונען אין א גוטען צושטאנד.

עס זענען געוועזען מענשען, וועלכע האבען א דאנק דער מלחמה געמאכט גרויסע פערמעגענס.

ווען די רוסישע ארמעע איז אבגעטראטען, זענען אויך ניט אנגעווענד געווארען די מיטלען, וועלכע מען האט בענוצט אין אנדערע פלעצער. די שטאדט איז געבליבען גאנץ, אונבעשעדיגט. געהאט האבען זיי אפילו בעפעהלען אויפצורייסען אלע געזעלשאפטליכע געביידעס, פאבריקען און א. ז. נאר אזוי ווי דער צוריקטרעט איז געוועזען פלוצלונג, איז עס ניט אויסגעפיהרט געווארען. פון אלע געביידעס איז נאר דער וואקזאל פערניכטעט געווארען, אויך זענען די מאשינען פון די עטליכע פאבריקען צוגענומען געווארען.

פאר די דייטשען האט די בעפעלקערונג ניט געהאט קיין שרעק, מען האט געוואוסט, אז די דייטשען וועלען ניט טהון אזוינס, וואס זאל שעדיגען אדער שלעכטס טהון דער ציווילער בעפעלקערונג. און ווירקליך, קיין גוואלדטאטען זענען פון די דייטשען ניט בעגאנגען געווארען. די האנדלונג אין אלגעמיין א קארעקטע, אבער אנ׳אונ׳ברחמנות׳דיגע. די פאליטיק און די ציעלען, וועלכע די דייטשע מאכט האט זיך געשטעלט ווערען דורכגעפיהרט מיט דער גרעסטער דייטשער פינקטליכקייט, אבסאלוט זיך ניט רעכענדיג ווי ווייט עס ריהרט אן די בעפעלקערונג.

ס׳איז שלעכט דער לעבען יעצט, אבער נאך גרעסער איז די מורא פאר דער צוקונפט. דאס איז דער געפיהל פון דער יודישער בעפעלקערונג. די איינציגע האפנונג אין אמעריקא קריגען שטיצע פון אמעריקא און האבען דאס גליק, נאכ׳ן קריעג, אנקומען אין אמעריקא—דאס איז דער וואונש פון גרעסטען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג.

(דער „טאג״, ניו־יארק).

אין פערשידענע געגענדען פון ליטא זענען איצט בעשעפטיגט א גרויסע צאהל יודישע ארבייטער, מעהרסטענטייל פון לאדז, טיילווייז אויך פון ווארשא. ביי דער שאסע און באהן־ארבייט. זיי בעמיהען זיך אין איניגע פונקטען שאפען ארבייטער־אינסטיטוציעס—קיכען, טיי־הייזער, לעזע־זאלען א. דגל. וועלכע זאלען זיי געבען די מעגליכקייט צו פערגרינגערען זייער לאגע און פערברענגען פראדוקטיוו דאס ביסעל פרייע צייט, וואס זיי האבען.

---

## וואלקאוויסק.

אויפ׳ן וועג פון ביאליסטאק ביז וואלקאוויסק ארבייטען איבער 4000 ארבייטער ביים שאסע און דער באהן־ליניע. די ארבייט ביי דער באהן ליניע בעשטעהט אין איבערטראגען שינעס, שטיינער, זאמד און דגל.

ביי דעם שאסע בעשטעהט די ארבייט אין רייניגען דעם וועג פון שנעע, זאמד און בלאטע און אויסגלייכען די גריבער. צווישען די ארבייטער זענען פאראן די מעהרהייט יודישע ארבייטער פון לאדז פון פערשידענע פאכען, ווי וועבער, זאקען־מאכער, פאפיער־ארבייטער און אנדערע. עס ארבייטען אויך א סך פרויען־ארבייטערינס פון לאדז, וועלכע טוען די זעלבע ארבייט, וואס די מענער־די ארבייטער, וואס ארבייטען נאהענטער צו דער שטאדט — וואהנען אין שטאדט און קומען אלע טאג א היים, אזעלכע זענען פאראן א פאר הונדערט.

מיט דער מיטווירקונג פון די שטאדטישע ארבייטער האבען דא די לאדזער ארבייטער, אין אנפאנג דעצעמבער פאריגען יאהר, געגרינדעט אנ׳ארבייטער־קיך מיט א טיי־האלע און א לעזע־זאל. די קיך מיט דער טיי־האלע געפינען זיך אין איין וואהנונג און דער לעזע־זאל אין א צווייטער וואהנונג—ביידע אויף דער ברייטער גאס.

די קיך גיט ארויס 150 מיטאגען טעגליך צו 4 קאפ. א מיטאג בעשטעהט פון א טעלער זופ מיט א האלב פונט ברויט, א גלאז טיי קאסט דריי קאפ. דורכפאהרענדע ארבייטער בעקומען מיטאגען און טיי אומזיסט. בעזוכען דעם לעזע־זאל קאסט איין קאפיקע, די סומע געהט אויפ׳ן פאנד איינצוקויפען נייע ביכער. קיין דעפיציטען האט די קיך און די טיי־האלע נישט, ווייל דער בירגער־קאמיטעט גיט דער קיך אלע נויטיגע פראדוקטען פאר א העלפט פון קאסטען פרייז.

מיט א צייט צוריק האבען די ארבייטער איינגעארדנעט א ליטעראריש־מוזיקאלישן אבענד וועלכער האט געגעבען 100 מארק הכנסה, די סומע געהט אויף צו דעקען די קאסטען, וואס ווערען זיין ביים גרינדען א קולטור־געזעלשאפט—וועלכע עס האלט זיך ביים גרינדען.

בכלל איז דאס לעבען ביי דער דאזיגער ארבייט נישט זעהר לייכט.

## גראדעק.

ארום דעם שטעדטיל ארבייטען איבער 800 ארבייטער—איי פערשידענע שאסע־ארבייט. די גרעסטע טייל בעשטעהט פון לאדזער און ווארשאווער יודישע ארבייטער.

פראדוקטען קריגט מען צו קויפען אין דער דייטשער מיליטער־קראם. די צוויי מארק זענען קוים גענוג אויף איבערצולעבען דעם טאג, דערפאר ווייל פראדוקטען זענען טייער. די ארבייטער, וואס געפינען זיך נאהנטער צום שטעדטיל, פראיעקטירען איצט צו גרינדען אנ׳ארבייטער־קאנסום־פעראיין. אויך פראיעקטירען זיי צו גרינדען גאר אין גיכען אנ׳ארבייטער־קיך. צו דעם צוועק פערשטענדיגען זיי זיך איצט מיט די ארבייטער פון וואלקאוויסק, וואס געפינט זיך 8 מייל פון אונז.

---

## זעלווע.

נישט וויט פון אונזער שטעדטעל ארבייטען ביי שאסע־ארבייט איניגע הונדערט יודישע ארבייטער פון לאדז. א גרויסער טייל פון זיי וואוינט אין שטעדטעל גופא. דא נישט לאנג האבען זיי בעשלאסען צו גרינדען א ביבליאטעק און א לעזע־זאל פאר די ארבייטער פון שאסע אין האבען אנגעהויבען זאמלען צו דעם צוועק ביכער.

---

## ביאליסטאק.

די לאדזער ארבייטער, וואס ארבייטען אויף׳ן שאסע פון סאקאלקע ביז ביאליסטאק האבען בעשלאסען צו עפענען אין ביאליסטאק נישט ווייט פונ׳ם שאסע אנ׳ארבייטער־קיך, צו דעם צוועק האבען זיי זיך פערשטענדיג מיט דער ביאליסטאקער „ארבייטער־קיך״, וועלכע האט שוין פארגענומען די נויטיגע שריט די קיך צו גרינדען.

---

## באראנאוויטש.

די גרעסטע טייל פון די היעגע ארבייטער זענען אוועק אויף פערשידענע מיליטער־ארבייט. די קליינע צאהל, וואס איז איבערגעבליבען, געפינט זיך אין זעהר א שלעכטער לאגע. פראדוקטען זענען ביי אונז זעהר טייער און ברויט איז גאנץ אפט בכלל נישט צו בעקומען. די ארבייטער, וואס ארבייטען ביי דער שטאדט אויף דו שאסען, האבען מיט א צייט צוריק געגרינדעט אנ׳ארבייטער־קיך, וועלכע האט זיך אבער צוליעב מאנגעל אין געלד געמוזט פערמאכען. איצט בעמיהען מיר זיך ווידער די קיך צו עפנען.

**העלפט אונזערע ברידער!**

# יודען אין סקאנדינאוויען!

מיר ווענדען זיך צו אייך מיט א ערנסטען און דרינגענדען רוף:

## רוהט ניט, העלפט ווייטער אונזערע הונגעריגע ברידער און שוועסטער!

מיר הערען טאג־טעגליך איין וועה־געשריי: צו גרויס איז די נויט, צו ווייניג די הילף. די מיליאנען פון יודען שטארבען פון הונגער און נויט.

אונאויפהערליך מאכט דער הונגער־טיפוס א תל פון גאנצע שטעדט און שטעדטלעך, מאססענווייז שטארבען אויס אונזערע קינדער. טרויעריגע בעריכטען בעקומען מיר איבער די אלגעמיינע לאגע פון די יודען אין פוילען און ליטא, און מיר הערען נאר איין געשריי:

### יודען ראטעוועט!

דערפאר ווענדען מיר זיך נאך א מאל צו אייך, יודען אין סקאנדינאוויען, איבערגעבענדיג אייך דעם טרויעריגען גרוס פון אונזערע ברידער:

## העלפט אונזערע ברידער!

מיט א געפיהל פון טיעפער צופריעדענהייט האבען מיר אלע קאנסטאטירט, מיט וואס פאר א ליעבע און בעגייסטערונג די יודען אין סקאנדינאוויען האבען אויסגעשטרעקט א הילפס־רייכע האנד פאר אונזערע אומגליקליכע ברידער. אין קאפענהאגען און אין שטאקהאלם זיינען געזאמעלט געווארען גרויסע סומען, אין קריסטיאניא ארבייט דער קאמיטעט מיט איבערגעבענהייט און אויך פון דער פראווינץ קומען אן ידיעות, אז איבעראל גרייט מען זיך ענערגיש צו דער הילפס־ארבייט.

מיר מוזען אבער דערמאנען, אז דאס אלץ איז נאך ווייניג. אהן אויפהער מוזען מיר ארבייטען פאר דער גרויסער „פאלקס־הילף". ניט איין טאג טאר פארבייגעהן אין לעבען פון דעם רוהיגען סקאנדינאווישען יודענטום, וואו עס זאל ניט עפעס וואס געטהון ווערען פאר אונזער גרויסער נאציאנאלער הילפס־ארבייט.

אונזער רוף הייסט:

### לחם לרעבים! ברויט פאר די הונגעריגע!

דאס איז אונזער גרעסטער און הייליגסטער חוב. קיינער פון אונז טאר ניט פערגעסען די דאזיגע פליכט.

סקאנדינאווישער צענטראל־הילפס־קאמיטעט פאר די נויט־ליידענדע יודען פון דער מלחמה.

---

## די סקאנדינאווישע הילפס־קאנפערענץ.

אויף איניציאטיווע פון דעם קאפענהאגענער „הילפס־קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה" איז איינגערופען געווארען אין קאפענהאגען א קאנפערענץ פון פערטרעטער פון הילפסקאמיטעטען און אנדערע יודישע ארגאניזאציעס אין סקאנדינאוויען.

די ערעפנונג פון דער קאנפערענץ איז פארגעקומען דעם 29־טען מאי אין אווענד אין אנוועזענהייט פון א צאהלרייכען פובליקום און א גרויסע צאהל איינגעלאדענע געסט. עס זענען געוועזען פערטרעטער פון די פאלגענדע פונקטען. שטאקהאלם, מאמלע, געטערבארג (שוועדען), כריסטיאניא, טראנדהיים (נארוועגען), קאפעגהאגען.

נאכדעם ווי דער פארזיצענדער פון קאפענהאגענער הילפסקאמיטעט ה' ש פ י ל פ א ג על האט בעגריסט די קאנפערענץ ווערט ערטיילט דאס ווארט דעם ה' פראפעסאר ס י מ א נ ס ע ן, וועלכער האט אויף א העכסט ריהרענדען אופן געשילדערט די טרויריגע לאגע פון די יודען אין די אקופירטע געגענדען. דער געעהרטער רעדנער האט אויך איבערגעגעבען א קורצען בעריכט וועגען דער טעטיגקייט פון די דענישע יודען אויף דעם געביעט פון דער הילפסאקציאן און וועגען די שריט, וועלכע זענען געמאכט געווארען צו בעקומען ערלויבניש צו שיקען לעבענס־מיטלען אין די אקופירטע געגענדען.

אלס צווייטער רעדנער טרעט אויף ה' וו. ג ר א ס מ א ן. געבענדיג אן איבערבליק איבער די איצטיגע יודישע לאגע געהט דער רעדנער אויך איבער צו די צוקונפט און ווייזט אן, אז אויף מארגען נאך דער מלחמה וועט די לאגע אויך זיין זעהר טרויריג, ווייל דאס צושטערטע און רואינירטע יודישע פאלק וועט אויף'ס ניי מוזען אנהויבען דעם קאמפף אחר זיין עקזיסטענץ. דערפאר דארף זיין די אויפגאבע פון דער קאנפערענץ, א חוץ די ארגאניזאציע פון איצטיגע גיכע הילף, חיי שעה, אויך די בעהאנדלונג פון דער פראגע וועגען א ברייטע פאלקס־הילף אויף שפעטער.

דער לעצטער רעדנער פון ערשטען טאג ה' א. ט ר א צ ק י בעהאנדעלט די נאהענטע אויפגאבען פון דער קאנפערענץ און ווייזט אן אין א קאנקרעטען אופן, וועלכע ארבייט מוז איצט געטהון ווערען.

דער צווייטער טאג, 30־טען מאי, הויבט זיך אן מיט די בעריכטען פון די ארטיגע הילפס־קאמיטעטען. עס רעדען די פאלגענדע הערען:

ש פ י ל פ א ג ע ל (קאפענהאגען), ג ר י נ ג א ר ד (שטאקהאלם), פ ר י ש ט (מאלמע), פ ל ט י א ל (טראנדהיים), ג ר ו ז ד (כריסטיאניא) און ר א ק (געטערבארג).

דערנאך האלט ה' ט ר א צ ק י א רעפעראט וועגען די ארגאניזאציע פון צענטראל־קאמיטעט און זיינע פונקציאנען.

פאר דעם פראקטישען רעזולטאט פון דער קאנפערענץ קען מען בעצייכענען די שאפונג פון דעם צענטראל־קאמיטעט צו וועלכען עס געהערען פון קאפענהאגען, שטאקהאלם, כריסטיאניא און געטערבארג. די אויפגאבע פון דעם דאזיגען קאמיטעט בעשטעהט אין דעם, צו פעראייניגען אין סקאנדינאוויען די גאנצע הילפס־אקציאן פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה.

א חוץ דעם זענען אין פערלויף פון דער קאנפערענץ גרינדליך בעהאנדעלט געווארען סיי די היינטיגע יודישע לאגע אין די אקופירטע געגענדען און סיי די צוקינפטיגע לאגע נאך דער מלחמה.

אין צייטווייליגען צענטראל־קאמיטעט זענען געוועהלט די הערען: ט ר א צ ק י, ק א ג א ן, ו ו י ט ק י ן (קאפענהאגען); ז א ל ק י נ ד, ג ר י ב ע ש א ק (שטאקהאלם); ג ר ו ז ד (כריסטיאניא); ר א ק (געטעבארג).

די קאנפערענץ האט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציאנען:

1

די קאנפערענץ בעשליסט צו ארגאניזירען אלע רוסישע יודען, וועלכע וואהנען אין סקאנדינאוויען צו א געמיינזאמע ארבייט לטובת די יודען אין די רוסישע אקופירטע געביטען און גרינדעט צו דעם צוועק א צענטראל־קאמיטעט גלייכצייטיג ערקלעהרט די קאנפערענץ, אז איהר ענדציעל בעשטעהט אין דעם, צו פעראייניגען דאס גאנצע סקאנדינאווישע יודענטום.

2

די קאנפערענץ בעשליסט צו גרינדען א צייטווייליגע צענטראל־ביורא, כדי צו פעראייניגען די טעטיגקייט פון אלע הילפס־קאמיטעטען אין סקאנדינאוויע פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה און צו גרינדען נייע קאמיטעטען וואו אזעלכע זענען נאך ניט פארהאן.

3

דער צייטווייליגער צענטראל־קאמיטעט מוז איינרופען נאך א געוויסער צייט, יעדענפאלס ניט שפעטער פון 3 חדשים, א צווייטע קאנפערענץ פון דעלעגירטע, וועלכע ווערען געוועהלט פון אלע צאהלער. די דעלעגירטע וועהלען דא א בעשטענדיגען צענטראל־קאמיטעט.

4

דער צייטווייליגער צ.־ק. בעשטעהט פון 7 מיטגלידער: פארזיצענדער, 2 וויצע־פארזיצענדע, גענעראל־סעקרעטער, קאססיר און 2 בעשטענדיגע מיטגליעדער. די דאזיגע 7 מיטגליעדער זענען פעראנטווארטליך פאר די גאנצע ארבייט פון קאמיטעט.

5

דער צ.־ק. געפינט זיך אין קאפענהאגען.

6

פון די מיטגליעדער פון צ.־ק. מוזען ווייניגסטענס 3 וואהנען אין קאפענהאגען, (פארזיצענדער, קאקסיר און סעקרעטער).

7

יעדער פון די ארטיגע קאמיטעטען וועהלט צו דער קומענדיגער קאנפערענץ 1 דעלעגירטען פון יעדע 40 צאהלער.

קאמיטעטען, וועלכע האבען ווייניגער פון 40 צאהלער שיקען אויך צו דער קאנפערענץ צו 1 דעלעגירטען

8

אלע געזאמעלטע געלדער פאר די יודען אין די אקופירטע רוסישע געביעטען ווערען געשיקט צום צענטראל־קאמיטעט.

9

דער צייטווייליגער צ.־ק. האט דאס רעכט צוצוציהען צו דער ארבייט זאכפערשטענדיגע פערזאנען.

10

נעהמענדיג אין בעטראכט, אז די הויפט־אויפגאבע פון די יודישע הילפס־ארגאניזאציעס אין סקאנדינאוויען איז די זאמלונג פון מעגליך גרעסערע געלדמיטלען פאר די נויטליידענדע יודען אין די מלחמה לענדער,

אז עס מוז דערצו געפיהרט ווערען א ברייטע פראפאגאנדע אויף מאסען־מיטינגען און אין דער פרעסע און, אז אלע יודישע הילפסארגאניזאציעס זענען מחויב שוין איצט צוגרייטען זיך צו דער הילפס־ארבייט נאך דער מלחמה, בעשליסט די קאנפערענץ:

א) ארגאניזירען אין אלע סקאנדינאווישע צענטערס מאסען־פארזאמלונגען (ניט ווייניגער ווי איינמאל א חודש).

ב) פערשפרייטען אין דער סקאנדינאווישער פרעסע ידיעות וועגען דער מאטעריעלער נויט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די אקופירטע געביטען.

ג) צו שאפען א ספעציעלען פאנד פאר דער הילפסארבייט נאך דער מלחמה.

ד) צו שאפען ביים צענטראל־קאמיטעט א ספעציעלע עמיגראציאנס־קאמיסיאן.

---

## געדעקט די הילפס־ארבייט

Nr. 1 FOLKETS-HJÆLP

# פאלקס־הילף

## מיטטיילונגען

ארויסגעגעבען פון סקאנדינאווישען צענטראל־קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען פון דער מלחמה.

ארדעס פון צענטראל־קאמיטעט:
Gl. Kongevej 27, København, Tlf. Vestør 4831

קאפענהאגען, דינסטאג כ"ד תמוז התרע"ו 25 Juli 1916

## „פאלקס־הילף".

פאלקס־הילף"— דערמיט זאגען מיר ארויס אונזער גאנצען פראגראם פון די „מיטטיילונגען" וועלכע דער „צענטראל־קאמיטעט" הייבט אן ארויסצוגעבען. דאס יודישע פאלק האט שוין לענגסט בעוויזען, אז עס איז פאראן נאר איין קראפט, וועלכע איז ביכולת איהם צו געבען די מאכט דורכצוטראגען דעם טרויעריגען גורל, וועלכער איז אויסגעפאלען אויף איהם אין די איצטיגע שרעקליכע צייטען, — פאלקס־הילף, פ א ל ק ס־ה י ל ף. דאס איז ניט נור א לאזונג, א הילף־רוף, דאס איז דאס ב ע וו א ו ס ט ז י י ן פון א לעבעדיגען פאלק, וועלכער גלויבט אין דער קראפט פון זיין געגענווארט און זיין צוקונפט.

כדי אבער דער דאזיגער וויכטיגער לעבענספאקטאר, די פאלקס־הילף, זאל קענען פערווירקליכט ווערען אין זיין גאנצער גרויסקייט און אין זיין געזעלשאפטליכער בעדייטונג—דערצו מוזען מיר זיין א ר ג א נ י ז י ר ט. נאר מיט פעראייניגטע כחות קען אונזער ארבייט ווערען אנ'אמת'ע הילף פאר אונזער פאלק.

ארויסגעהענדיג היינט מיט זיינע ספעציעלע מיטטיילונגען פאר הער יודישער עפענטליכקייט אין סקאנדינאוויען, האט דער „צענטראל־קאמיטעט" פאר זיך צוויי אויפגאבען: א ר ג א נ י ז י ר ע ן און א י נ פ א ר מ י ר ע ן, צופעראייניגען אלע הילפס־קאמיטעטען און אקטיווע כחות אין סקאנדינאוויען און אויפצוקלעהרען די יודישע געזעלשאפט איבער די לאגע פון די מיליאנען פון אונזערע ברידער, וועלכע לעבען און ליידען אין די אקופירטע געביטען.

ארגאניזירענדיג אונזערע ארבי'טען אין סקאנדינאוויען און בעגרענצענדיג זיך אין אונזערע ארבייט אין די דריי סקאנדינאווישע מדינות גלויבען מיר דאך, אז מיר האבען די מעגליכקייט און די פליכט צו ברענגען פיעל נוצען דער הילפס־ארבייט בכלל, אויך אין אנדערע טיילען פון דער יודישער וועלט־סקאנדינאוויען שטעהט אין מיטעל־פונקט פון דער גרויסער אינפאר־מאציאנ'ס־ארבייט. ארום וועלכער עס גרופירט זיך איצט דער אינטערעס פון דער גאנצער פאליטישער וועלט. סקאנדינאוויען איז אויך דער צענטער, דורך וועלכען עס דרינגט דורך דער הילפס־רוף פון אונזערע ליידענדע פאלקס־מאסען צו דער גרויסער יודישער וועלט.

עס קען אונז צופאלען א גרויסע וויכטיגע ארבייט. אויספירליך און גענוי צו פערמיטלען אלץ דאס, וואס קומט פאר אינ'ם לעבען פון אונזערע אקופירטע פאלקס־מאסען, צו אונז אין סקאנדינאוויען דערגעהט צו ערשט זייער געשריי. מיר זיינען די ע ר ש ט ע , וועלכע דערהערען דעם טרויעריגען הילף־רוף.

עס ליגט דער פאר אויף אונז א חוב צו זיין די ערשטע און רופען, אינפארמירען און אויפקלערען פאר גרויסע און ווייטע שיכטען פון אונזער פאלק.

מיר ווילען ניט איבערטרייבען אונזערע כחות און אונזערע מעגליכקייטען. מיר גלויבען אבער, אז מיט דער דאזיגער ארבייט ערפילען מיר דאך א נאציאנאלען חוב פון סקאנדינאווישען יודענטום און אנוצליכע אויסגאבע פאר דער גאנצער יודישער הילפס־ארבייט.

מיר בעטען דער פאר אלע הילפס־קאמיטעטען אין סקאנדינאוויען, מיר בעטען אלע די וועלכע נעמען אנ'אקטיווען אנטייל אין דער ארבייט, זייער מאראלישע אונטער שטיצונג. אונזערע מיטטיילונגען זאלען בילדען די בעריכטען, וועלכע זאלען אבשפיגלען אלץ דאס וואס דאס סקאנדינאווישע יודענטום האט געטוהן פאר אונזער פאלק אין די צייטען פון זיין גרויסען חורבן. דער פאר איז עס נויטיג, אז אלע אקטיווע עלעמענטען אין סקאנדינאוויען זאלען אונז אונטערשטיצען מיט מאטעריאל און ארבייט. מיר ווילען, אז אונזערע מיטטיילונגען זאלען גרופירען ארום זיך אלע אונזערע מיטארבייטער, וועלכע ווילען אנאויפהערליך פארזעצען אונזערע הייליגע פאלקס־ארבייט.

מיר ווייסען, אז פיל ארבייטס מעגליכקייטען, זיינען אין סקאנדינאוויען פארהאן און מיר ווילען עס זאל ניט בלייבען ניט אויסגענוצט קיין איינציגע מעגליכקייט פאר דער הילף פון אונזערע ליידענדע ברידער. ד א ס וויל די „פאלקס־הילף".

## אנ'ערקלערונג פון צייטווייליגען צענטראל־קאמיטעט.

אזוי ווי עס געפינט זיך א סתירה צווישען די ערשטע און צעהנטע רעזאלוציאן, האט דער צייטווייליגער צענטראל־קאמיטעט איינגערופען א בעראטונג פון ארטיגע כלל־טוער כדי אויפצוקלערען די דאזיגע פראגע און דערמיט אויסמיידען שטערונגען אין דער ארבייט פון קאמיטעט.

אין דער בעראטונג האבען אנטייל גענומען פאלגענדע הערר'ן: אויערבאך, אויסלענדער, ד"ר בערנשטיין, גילערסאן, וויטקין, טראצקי טראפאווסקי, מארק, נאחעמסאן, סל'אזבערג, פייגין, צעמאכאוו, קאגאן, ראזענבלום, שאר, שפילפאגעל.

די בעראטונג האט אנגענומען פאלגענדע ערקלערונג:

נעהמענדיג אין בעטראכט, אז די רעזאלוציעס, וועלכע זענען אנגענומען געווארען אויף דער קאנפערענץ זענען פארהאן איניגע ניט גאנץ קלארע פונקטען, געפינט די בעראטונג וועלכע איז פארגעקומען דעם 13 יוני, אז ביז צו דער נייער קאנפערענץ, האט דער צענטראל קאמיטעט דאס רעכט צו שיקען געלד אין די אקופירטע רוסישע געביעטען און אין ארץ־ישראל. אין דערזעלבער צייט בעאויפטראגט די בעראטונג דעם צענטראל־קאמיטעט דערפאר צו זארגען, אז די צוקינפטיגע קאנפערענץ זאל ענדערן די פונקטע פון די רעזאלוציעס אין דעם דאזיגען זין.

## פון פוילען

פון 10 יוני אן ווערען איינגעפירט נייע שפייז־קארטען פון געלער פארב. דערמיט ווערען בטל די פריהערדיגע קארטען פון בלויער פארב.

לויט די נייע קארטען וועט מען אויף זיי קענען בעקומען די פאלגענדע נארמע פראדוקטען: א האלב פונט קאשע צו 10, 14 אדער 20 קאפ. א פארציע.

א פערטעל פונט ארבעס פאר 10 קאפ.

1 פונט באבעס 32 קאפ.

א האלב פונט קארטאפעל־מעהא אדער קוקורוזע פאר 20 קאפ.

איין פונט זאלץ פאר 6 קאפ.

איין אכטעל פונט קאווע פאר 26 קאפ. און איין אכטעל פונט ערנעהרונגס־קאווע פאר 5 א האלבע קאפ. א האלב פונט געהאקטען צוקער פאר 24 קאפ. א פונט ים־פיש, געזאלצענע אדער גערויכערטע פאר 35 קאפ. א פערטעל פונט קאשע „סאנא" פאר 9 קאפ. א פערטעל פונט ציקאריע פאר 10 קאפ.

די דאזיג שפייז־נארמע איז בעשטימט אויף דער צייט פון 10־טען ביז'ן 23־ טען יולי.